קונטרס

# לב שומע

## הלכות און מאמרים
## פאר די וואקאציע טעג

צאמגעקליבן פון די שיעורים פון
הרה"ג ר' **שמעיה לעוו** שליט"א
דומ"ץ וראש הכולל
דקהל יטב לב ד'סאטמאר

אידיש

יוצא לאור ע"י
מכון **'לב שומע'**

חודש מנחם אב
תשפ"ב לפ"ק
לאנדאן יצ"ו

עורך:
**ד. שלעזינגער**
**07950782448**

פאר הערות און
קאמאנטארן
ביטע שיקן צו:
levshomeya@gmail.com

עימוד:
**א. י. גרינוואלד**
00972548494370

**לעילוי נשמת**

האשה החשובה והצנועה

מרת **אסתר**

בת רבי **זאב** ע"ה

נלב"ע ב' ניסן דהאי שתא
תשפ"ב לפ"ק

**ת. נ. צ. ב. ה.**

# תוכן הענינים

**מבוא** ............ ה

☆ וקווי ה׳ יחליפו כח ☆ ויסעו - מ׳פארט ☆ שכן טוב ☆ מלא כל הארץ כבודו ☆ בכל דרכיך דעהו ☆ הליכות והלכות

## הלכות און אנווייזונגען לימי הנופש

מִנְהָגִים אֵיידֶער מֶען פָּארְט אַרוֹיס ............ יג

תְּפִלַּת הַדֶּרֶךְ ............ יד

נְסִיעָה לִפְנֵי הַתְּפִלָּה ............ יז

מִנְיָן רָחוֹק ............ יח

בִּרְכַּת הַיָּם ............ יט

אַ כָּשֵׁר׳ע קָאךְ ............ כ

לֶעקְטֶער ............ כב

הֶפְסֵק בִּשְׁעַת אֲכִילָה ............ כג

מְזוֹנוֹת בְּרוֹיט ............ כה

הִלְכוֹת שַׁבָּת ............ כו

הַדְלָקַת הַנֵּרוֹת ............ כו

קַבָּלַת שַׁבָּת ............ כז

שְׁפַּאצִירְן ............ כז

תְּחוּמִין ............ כט

טְבִילָה בְּשַׁבָּת ............ כט

לְהָסִיר מִכְשׁוֹל ............ לא

טבלא לשיעורים ............ לג

## מאמרי חיזוק וואס זענען נוגע אין די טעג

אם תעזבנו יום יומים אעזבך ........ לז

כִּי הֵם חַיֵּינוּ ☆ וֶוען מֶען לָאזְט אָפּ דִי תּוֹרָה... ☆ קְבִיעוּת עִתִּים ☆ גוּטֶע חֲבֵרִים ☆ דִי כֹּחַ הַתּוֹרָה פוּן דִי קִינְדֶער

שמירת עיניים ........ מא

דִי סַכָּנָה פוּן אַ נִישְׁט גוּטֶע בְּלִיק ☆ ס'קִילְט אָפּ דֶער רֶגֶשׁ דִקְדֻשָּׁה ☆ אֶת שִׁקּוּצֵיהֶם וְאֵת גִּלֻּלֵיהֶם ☆ אָסוּר לְהִסְתַּכֵּל בְּפָנִים רָשָׁע ☆ שְׁמִירַת עֵינַיִם - אֲפִילוּ בַּיי גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן ☆ יוֹסֵף הַצַּדִּיק גִיבְּט דֶער כֹּחַ הַקְדוּשָּׁה ☆ זֶען קְדוּשָּׁה - הֵיילִיגְט דִי מֶענְטְשׁ ☆ דֶער גֶעוַואלְדִיגֶע שְׂכַר פַאר'ן הִיטְן דִי אוֹיגְן

## דברי תורה ופנינים

פרשת ואתחנן ........ נה

פרשת עקב ........ נט

**תפלת הדרך ........ סב**

**ברכת מעין שלש ........ סג**

# מבוא

## וקווי ה' יחליפו כח

### ויסעו - מ'פארט

**נאך** א גאנצע זומער זמן פון שווערע הארעוואניע, פאקט מען פעק און מען לאזט זיך ארויס אין די וועגן און שטעגן, מען גייט שעפן פרישע כוחות, פאברענגן מיט די פאמיליע, טאטעס האבן די מעגליכקייט צו זיך באקענען מיט די קינדער, די מח ווערט אנגעשעפט מיט רוהיגקייט.

**היינט** צוטאגס איז שוין דאס אוועק פארן געווארן איינגעפירט ווי א מנהג בתוך כלל ישראל, וואס מען הייבט זיך אויף פונעם רוישיגן שטאט, און מען לאזט זיך ארויס אויף זיין ארט, מען גייט פארברענגען אינאיינעם מיט די משפחה, חברים, און אפילו מיט פרעמדער.

**טראץ** די אלע אומאגענעמער און פארשידענע שוועריגקייטן וואס עס קומט אונטער ווען מען פארט ארויס, טוט א אידיש קינד געדענקן אלעמאל און איבעראל, אז ווי אימער מען איז נאר, בלייבט מען מיטן זעלבען שטייגער מען לאזט גארנישט נאך; זיכער נישט מיט תורה ומצוות, קביעות'דיגע שיעורים, און נישט מיט חומרות, כשרות, גדרים, וכדומה.

### שכן טוב

**דער** אור החיים הקדוש שרייבט (סוף פרשת בלק) אויפן פסוק (בלק כה א) **וישב ישראל בשיטים, ויחל העם לזנות** ווי אזוי איז כלל ישראל צוגעקומען צו אזא גרויסע זינד פון זנות, כאטש וואס זיי זענען געווען אזעלכע הייליגע מענטשען וואס מיר קענען ניטאמאל האבן קיין השגה אין זייערע גרויסקייט, דער דור דעה, אבער - זאגט דער אור החיים הק' - וויבאלד זיי זענען ארויס שפאצירן אין דער פרעמד, חוץ למחנה, - שיטים איז א לשון פון שפאצירן אזוי ווי רש"י (בהעלותך יא ח) ערקלערט דער ווארט 'שטו' - אין שיט אלא לשון טיול - האבן זיי זיך דארטן באגעגנט מיט די בנות מואב

און אזוי זענען זיי ליידער דורך געפאלן מיט אזא הארבע זינד, און זיי האבן געהאט א ביטערע ענדע ווי די פסוק זאגט "ויהיו המתים במגפה ארבעים עשר אלף"!

**מען** זעט פון דעם דער געוואלדיגע אחריות וואס ליגט אויף יעדע הויז-געזונד, צו גיין אין אויסגעהאלטענע ערליכער פלעצער, ארום גענומען מיט פיינע וואוילע שכנים, זיך דרייען מיט ערליכער מענטשען וואס ווייסן און פארשטייען דער ענין פון זיך אויסרוהען אויף די דרדך התורה, און נישט חלילה די וואס נוצן אויס דער וואקאציע פאר שוואויל-טאג און גייען ליידיג מיט די צייט, מען דארף וויסן: אפילו דער וואקאציע איז קוים פאר צוויי וואכן, קען א שלעכטע חבר אדער ראיה, האבן א באלדיגע השפעה און איבער דרייען אין גאר א קורצע ווילע די אלע שווערע הארעוואניע וואס מ'האט אריין געלייגט דורכאויס דער גאנצע יאר.

## מלא כל הארץ כבודו

**עס** שטייט אין חז"ל (שבת קטו:) אז דער פרשה פון 'ויהי בנסוע' איז א עקסטערע פרשה פאר זיך. ווען מען פארט - ויהי בנסוע איז טאקע א באזונדערע פרשה עס האט נישט קין שייכות מיט די געוועגליכע שטייגער, אבער פארט דארף מען נאכאלץ זיין שטארק אין קאנטראל אויף די יצר הרע, און אים גארנישט נאכגעבן. און די טעג וואס מ'רוהט זיך אפ, קען אמאל די יצר הרע זיין אין א גוטע אויפגעלייגטע גיסטע, די יצר הרע טוט פארדרייען די קאפ מיט אלע זינלאזע תירוצים, "אז אין האלידעי"ס איז אנדערש, עס איז אן אנדערע פרשה"... מען דארף שטיין אויף די גדרים וסיגים וואס מ'האט א גאנץ יאר, און גארנישט נאכגעבן פאר די יצר הרע, וואס ער פרובירט מיט אלע כוחות אז דער מענטש זאל נאכלאזן פון געוויסע זאכן וואס ער פירט זיך ווען ער איז אין שטאט ארום גענומען מיט זיין טעגליכע הלוך ילך.

**אוודאי** געוויס מעג מען ארויס פארן און הנאה האבן פון דער באשעפער'ס וועלט, זיך אנשעפן מיט פרישע כוחות. מנוחה און רוהיגקיט איז זייער א וויכטיגע זאך פאר יעדן איינעם. אבער עס דארף צוגיין אויף א אידישע אופן, און מיטן ריכטיגן ציל, געדענקען אז מ'פארט נאר צוליב שעפן פרישע לופט, כדי צוריק קומען מיט א פרישע געמיט, און מיט א קלארע אויסגעלופטערטע קאפ און מח.

**די** וואקאציע, און די אויספלוגן דארף זיין אויף אן תורה'דיגע ערליכן וועג, מען זאל זיך קענען אנשעפן און אריין ברענגען א פרישע גייסט אינעם זעל, זיך צוגרייטן צום חודש אלול און צו דער נייע יאר הבא עלינו לטובה.

**א** איד איז איבעראל א איד! ערליך דארף מען שטענדיג זיין! און מען טאר גארנישט נאכלאזן, ווייל די תורה פארט מיט איבעראל. רביה"ק מסאטמאר זי"ע פלעגט זאגן: "מען פארט טאקע אוועק, אבער פון באשעפער קען מען נישט אוועק פאָרן".

## בכל דרכיך דעהו

**איינער** פון די זאכן וואס קען ווערן זייער נאכגעלאזט ביי געוויסע, איז דאס ענין פון גשמיות; וואס דאס באדייט, זיין אריין-געטאן אין תענוגי עולם הזה, וואס צומאל ווערט דאס ליידער זייער נפרץ אין די האלידעיס, מען פארגעסט ליידער וואס איז דער עיקר ציל פון די וואקאציע, און מען באשעפטיגט זיך מיט זאכן וואס ס'פאסט נישט פאר אן ערליכע איד.

**די** גמרא (שבת קמז:) פארציילט ווי שטארק מען קען זיך דערקייקלן ווען מען איז פארנומען מיט תענוגי עולם הזה, בפרט ווען מען איז אויף אפרוה. די עשרת השבטים האבן פארברענגט די צייט אין 'פרוגייתא' און 'דיומסת' - צוויי שטעט וואס האבן געהאט גוטע ווייַן און וואסערן, - די צוויי ערטער זענען געווען געאייגנט אויף נאכגעבן די תאות - ווי רש"י באטאנט אז זיי זענען געווען 'אריינגעטון' אין תאוות עולם הזה, **ולא היו עוסקים בתורה**, און ווי רש"י פירט אויס אז די עשרת השבטים וואס זענען געווען דארט, "**יצאו לתרבות רעה** זענען ליידער צום סוף קאליע געווארן, און זיי זענען געבליבן צוגעבינדען צו זייערע פוסטע תאות, ד' ירחם.

**אויף** אזוי ווייט האט דאס זיי קאליע געמאכט, אז לויט די תנא רבי עקיבא האבן זיי אפילו נישט קיין חלק אין עולם הבא, אזוי ווי מיר געפינען אין גמרא (סנהדרין קי:) "עשרת השבטים אינם עתודים לחזור לעולם, ואין להם חלק לעולם הבא".

**די** גמרא פארציילט: ווי רבי אליעזר בן ערך איז אנגעקומען קיין 'פרוגייתא' און 'דיומסת' און ער האט זיך גענומען טרונקען פון די געשמאקע טרונקען, **ואיעקר תלמודיה** ווען ער איז צוריק געקומען, האט ער פארגעסן זיין לערנען. די גמרא פירט אויס ווי ווייט דאס ביסל גשמיות האט אים געשאדט, אז "בעי רבנן רחמיה עליה והדר תלמודיה" די חכמים האבן געדאווענט אז ער זאל צוריק אנהייבן צו געדענקען לערנען, און זייער תפילה איז מקויים געווארן.

**די** 'שכחת התורה' פון רבי אליעזר בן ערך איז געווען אזוי געפערליך, אז אפילו א פסוק חומש האט ער נישט געקענט ארויס זאגן ריכטיג; ער האט געזאגט "החרש

**היה לבם**" אנשטאט **החודש הזה לכם**. עס ווערט געברענגט אין ילקוט (קהלת ז ז) אז ר' אליעזר האט זיך נישט געקענט דערמאנען דאס לערנען, ביז אליהו הנביא איז געקומען און אים ארויס געהאלפן אינעם לערנען.

**מיר** קענען בכלל נישט אפשאצן און האבן דער מינדעסטע השגה פון די גרויסקייט און הייליגקייט פון די תנאים, אבער 'תורה וללמוד אני צריך', חז"ל טוען דערמיט ווייזן ווי שטארק עס שאדט ווען מען לייגט זיך אריין אין פוסטע עולם הזה'דיגע תאוות. כאטש די משנה (אבות ב ח) זאגט עדות אויף רבי אליעזר בן ערך אז ער איז געווען א "מעין המתגבר" עס האט זיך געגאסן תורה פון אים ווי א וואסער-פלוס וואס הערט נישט אויף צו רינען, דאָך איז ער צוגעקומען צו אזא שווערע צושטאנד, אז ער האט פארגעסן זיין לערנען.

**מען** דארף געדענקן: יעדע קליין ביסל נאכגעלאזקייט, בלייבט א טיפע צייכן אויפן מענטש. מען זאל נישט קומען מיט תירוצים אז האלידעיס שאני... "וויבאלד מען איז נישט אינדערהיים, קען מען מיקל זיין מיט פארשידענע ענינים". ר' אביגדור מיללער זצ"ל האט אמאל זיך גאר שארף אויסגעדרוקט: "אפילו דער הייליגע תנא רבי אליעזר בן ערך האט זיך צוריק דערמאנט די לערנען, דאך זעען מיר כמעט נישט קיין מאמרים פון אים אין חז"ל, ווייל עס איז פארט געבליבן א רושם"!

**מיר** גייען נישט אויסרעכענען אלע סארטן עולם הזה'דיגע תאות וואס זענען נאר פארהאנען, ווייל כלו הזמן והם לא יכלו... אבער יעדער מענטש מיט אן אחריות, ווייסט גענוי ווי ער טאר נישט נאכלאזן, יעדער ווייסט ביי זיך, וואס איז אויסגעהאלטן און וואס הייסט איבער דער מאס.

**איך** געדענק ווען איך האב געלערנט אין ישיבת לוצערן ביי מרן הגאון רבי יצחק דוב קאפלמאן זצ"ל, און דער ראש ישיבה האט צוגעזען ווי געוויסע בחורים שפילן מיט א באָל אין קעמפ, און ער האט גארנישט געזאגט, אבער נאך עטליכע יאר ווען ער האט באמערקט אין קעמפ ווי שטארק די בחורים זענען פארטיפט אין דער שפיל, האט ער אפיר געהאלטן דער שפילערס און האט פארבאטן דאס שפילן מיט א באָל אין קעמפ. ווען איינער פון די תלמידים האבן אים אנגעפרעגט "וואס איז פלוצלינג געשען, פארוואס האט דער ראש ישיבה פונקט יעצט גע'אסר'ט צו שפילן?" האט דער ראש ישיבה זצ"ל ערקלערט זיין כונה, "אנפאנג איז דאס געווען א שפיל

זיך אויס צו לופטערן, דערפאר האב איך נישט מוחה געווען, אבער איצט זע איך ווי ענק זענען אינגאנצן פארטיפט דערין... אז מען פארלירט די באלאנס... דאס פאסט נישט, עס איז שוין אין א בחינה פון החרש היה לבם".

**דער** ראש ישיבה הרב קאפלמאן זצ"ל האט זיך אמאל אויסגעדרוקט: די גוים רופן דאס אָן הָאלִ"י דֶע"ס - הייליגע טעג, ווייל דאס איז א גוי, ביי זיי איז פוסטוועו און גיין ליידיג א הייליגע זאך, אויף דעם זענען זיי דא, אבער ביי אונז איז דאס פונקט פארקערט דער גאנצע מטרה און דער נוצן פון זיך אויסרוען איז כדי צו שעפן פרישע כוחות דקדושה צו קענען דינען דעם בורא עולם.

## הליכות והלכות

**היות** עס זענען דא אסאך הלכות וואס זענען נוגע ווען מען פארט ארויס זיך אפרוהן, דערפאר האבן מיר אויסגעקליבן עטליכע וויכטיגע הלכות וואס זענען נוגע אין די טעג.

**עס** איז וויכטיג צו באטאנען אז אין יעדע פאל קען זיין קאמפלעצירט און די הלכה אנדערש, דעריבער זאל מען זיך נישט פארלאזן אויב דער ספעיצפישע פאל שטייט נישט קלאר ארויס געשריבן להיתר או לאיסור, נאר מען זאל זען צו פרעגן א שאלת חכם.

**אויך** האט מען צוגעלייגט סוף הקונטרס מאמרים אויף ענינים וואס מען דארף זיך מחזק זיין אין די וואכן וואס מ'איז אין די פרעמד, און עטליכע שיינע שטיקלעך דברי תורה אויף די פרשיות פון ואתחנן און עקב.

**ויה"ר** שחפץ ה' בידינו יצליח, ולהגדיל תורה ולהאדירה. ויהא רעווא שנתחזק בגוף ובנפש, ולשאף הרבה כוחות מתוך מנוחת הנפש והרחבת הדעת, והכל יבוא על מכונו הביתה לשלום לקראת ימי התשובה, ה' ישמור צאתנו ובואינו לחיים ולשלום אמן.

**עס איז כדאי צו צוטירן די ווערטער וואס דער ירושלימ'ער רב מרן הגה"ק רבי יצחק טוביה ווייס זצוק"ל, שרייבט אין זיין ספר שערי טוביה פרשת ויחי צו וויסן דער תכלית און דער מטרה פון פאָרן וואקאציע.**

ובימי בין הזמנים אמרתי לבני הישיבות שתכלית המנוחה בימים ההם הוא ע"ד שכתב רש"י ריש פרשת ויקרא מה היו הפסקות משמשות, ליתן ריוח להתבונן בין פרשה לפרשה, כמו כן מטרת בין הזמנים אינו להסיר ח"ו משא ועול התורה מעל כתפו, אלא ליתן ריוח להתבונן בלימודו אם הצליח ועושה פרי כראוי, ומה צריך להטיב בעתיד, ואז הרי זה בבחינת 'עומד לכתף' פי' רש"י משאוי שעל כתיפו, שאינו נחשב הנחה כמבואר בב"ק.

# הלכות און אנווייזונגען לימי הנופש

# הלכות און אנווייזונגען לימי הנופש

## מִנְהָגִים אֵיידֶער מֶען פָארְט אַרוֹיס

**א.** מֶען פִּירְט זִיךְ צוּ זָאגְן "פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח" פוּן אָנְפַאנְג פָּרָשָׁה בִּיז דִי פָּסוּק "וַיַּצֶּב שָׁם מִזְבֵּחַ" (לג כ), אוּן "שִׁיר הַמַּעֲלוֹת אֶשָּׂא עֵינַי וְגוֹ'" (תהלים קכא) דֶער מוֹצָאֵי שַׁבָּת בֶּעפָאר מֶען פָארְט אַרוֹיס.[א]

**ב.** מֶען זָאל נִישְׁט פּוּצְן דִי שׁוּךְ אֵיידֶער מְ'גֵייט אַרוֹיס.[ב]

**ג.** עֶס אִיז רַאטְזַאם צוּ לֵייגְן גֶעלְט אִין פּוּשְׁקֶע, אֵיידֶער מְ'פָארְט אַרוֹיס.[ג]

**ד.** אֵיינְמָאל מֶען אִיז שׁוֹין אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ, אוּן מֶען דֶערְמַאנְט זִיךְ אַז מֶען הָאט עֶפֶּעס פַארְגֶעסְן זָאל מֶען בֶּעסֶער נִישְׁט צוּרִיק גֵיין, נָאר שִׁיקְן אַ צְוֵייטְן.[ד]

**ה.** אֲפִלּוּ אוֹיבּ מְ'פָארְט נָאר פַאר אֵיין טָאג, זָאל מֶען זִיךְ מִיט פַּאקְן דִי טַלִּית אוּן תְּפִלִּין.[ה]

---

**א.** באר היטב או"ח סימן רצט סקי"ד. השנה שמוצאי שבת חל תשעה באב, אסור לומר פסוקים בת"ב, ולכן אפשר לומר הפסוקים במוצאי ת"ב.

רביה"ק מסאטמאר זי"ע נהג לאומרו בכל שבוע מוצאי שבת במשך החדשים תמוז – אב, כשהיה במנוחה במקום הנופש.

**ב.** צוואת רבי יהודה החסיד סימן לט, ועיין בדרכי תשובה סימן קטז סקס"ד

**ג.** כף החיים (סימן קי), של"ה (מסכת חולין) שנאמר (תהלים פה יד) 'צדק לפניו יהלך וישם לדרך פעמיו' וכן כתב בפירוש הסמ"ג (עשין יט) 'ואנשי מעשה רגילין ליתן צדקה קודם שילכו לדרך' ומסמיך ליה ג"כ אקרא הנ"ל. ובספר המדות (ערך דרך אות ה) מביא קרא במשלי (ח כ) 'באורח צדקה אהלך'.

בספר סגולת ישראל (מערכת ד אות כט) מביא מספר חוקי חיים לחתן המג"א, שיתן לחבירו איזה מטבע בשליחות שיתננו לצדקה לפני שיוצא לדרך, דשלוחי מצוה אינן נזוקין.

**ד.** צוואת רבי יהודה החסיד סימן לח. ולדבר מצוה יכולים לחזור.

**ה.** משנה ברורה סימן קי סעי"ק כ. ועיין בספר מליצי אש (ח"י אלול אות רלז) שמביא בשם המהר"ל מפראג זצ"ל כי המלאכים המלוים לאדם בדרכו לשמרו מפגע רע, הם הנבראים

**ו.** אויב מֶען וויל עֶסְן אינְמיטְן די וֶועג בְּרויט, קֶען מֶען זיך וואשְׁן 'עַל נְטילַת יָדַיִם' איידער מ'פָארְט אַרויס, און דערנאך אָנְהויבְּן צו עֶסְן, אָבֶער מ'דַארְף זֶען נישְׁט צו מַסִּיחַ דַּעַת זַיין פון דער סְעוּדָה, און אַזוי אויך דַארְף מֶען הַאלְטְן די הֶענְט ריין.

**ז.** אויב מֶען הָאט גֶעפינֶען וואסֶער אינְמיטְן די וֶועג, זָאל מֶען זיך נָאכְאַמָל וואשְׁן די הֶענְט בֶּעפָאר מֶען עֶסְט, אָבֶער אָן אַ בְּרָכָה 'עַל נְטילַת יָדַיִם'.[ו]

## תְּפִלַּת הַדֶּרֶךְ

חֲכָמֵינוּ ז"ל הָאבְּן מְתַקֵּן גֶעוֶוען צו זָאגְן תְּפִלַּת הַדֶּרֶךְ וֶוען מֶען פָארְט אַרויס אויפְן וֶועג, כְּדֵי צו זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פון לִסְטִים וְחַיּוֹת רָעוֹת און פון אַלֶע סָארְט סַכָּנוֹת, וָואס גֶעפינֶען זיך אויף די וֶועגְן, מֶען דַארְף זֶעהְן נישְׁט צו מְזַלְזֵל זַיין אין דער תְּפִלָּה, דער מונְקַאטְשֶׁער רָב זי"ע בְּרֶענְגְט (נמוקי או"ח סימן קי) בְּשֵׁם הרה"ק מִשִׁינָאוֶוע זי"ע אַז מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט אין די בְּרָכָה פון תְּפִלַּת הַדֶּרֶךְ, און דער שִׁינָאוֶוע רָב זי"ע הָאט אִים פַארְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעזֶעהן גָאר גְרויסֶע זַאכְן דורְךְ זָאגְן תְּפִלַּת הַדֶּרֶךְ.

דער מונְקַאטְשֶׁער רָב זי"ע עֶנְדִיגְט צו זַיינֶע רֵייד "וְעֵינֵינוּ רָאוּ ווי וויכְטִיג מֶען בְּרויךְ זָאגְן תְּפִלַּת הַדֶּרֶךְ כְּדֵי צו הָאבְן אַ שְׁמִירָה אויף די וֶועגְן, וּבִפְרָט מֶהָ''אויטו-מָאבִּילְן'' (קַארְ"ס) וָואס דָאס אִיז פִיל מֶער אַ סַכָּנָה פון אַ וָואגְן"! הַשֵּׁם יִשְׁמֹר צֵאתֵנוּ וּבֹאֵנוּ לְחַיִּים וּלְשָׁלוֹם".

**א.** דער עִיקָר חִיּוּב אִיז צו זָאגְן תְּפִלַּת הַדֶּרֶךְ וֶוען מֶען אִיז אויפְן וֶועג.

**ב.** אָבֶער הֶיוֹת עֶס זֶענֶען פַארְהַאנֶען פַארְשִׁידֶענֶע סְפֵקוֹת און שְׁאֵלוֹת וֶוען און ווי אַזוי מֶען מַאכְט אָט די בְּרָכָה, - דֶערִיבֶּער בַּיי גֶעוִויסֶע פֶּעלֶער - וָואס עֶס אִיז אַ סָפֵק, שְׁרַייבְּן די פּוֹסְקִים אַז עֶס אִיז כְּדֵי צו זָאגְן די תְּפִלָּה בַּיי דער בְּרָכָה פון

משתי המצות 'ציצית ותפילין' וכתב המהר"ל ראיה לדבר כי תיבות "כי מלאכיו יצוה לך לשמרך בכל דרכיך" עולה בגימטריא "זה ציצית ב' תפילין".

**ו.** שו"ע סימן קסד סעיף ב ועיי"ש במנ"ב סקי"ג.

שׁוֹמֵעַ תְּפִלָּה אִין שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, וַוייל אַזוֹי אִיז נִישְׁט דָא אִין דֶעם קֵיין חֲשַׁשׁ בְּרָכָה לְבַטָּלָה, ווִיבַּאלְד מֶען זָאגְט עֶס אִינְמִיטְן אַ בְּרָכָה.[ז]

**ג.** עֶס אִיז בֶּעסֶער זִיךְ אָפְּצוּשְׁטֶעלְן אִינְמִיטְן וֶועג, כְּדֵי עֶס צוּ קֶענֶען זָאגְן עֶרְלִיךְ בְּכַוָּנָה, אָבֶּער אוֹיבּ עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ, קֶען מֶען עֶס זָאגְן אִינְמִיטְן פָּארְן, אָבֶּער מֶען זָאל זֶען צוּ אִינְזִין הָאבְּן דִי פֵּרוּשׁ הַמִּילוֹת.

**ד.** וֶוען מֶען פָּארְט פוּן אֵיין שְׁטָאט צוּ אַן אַנְדֶערֶע שְׁטָאט, אוֹיבּ עֶס אִיז דָא מֶער פוּן אֵיין אָדֶער צְווֵיי פַּרְסָאוֹת[ח] פוּן אֵיין שְׁטָאט בִּיז דֶער אַנְדֶערֶע, דַארְף מֶען זָאגְן תְּפִלַּת הַדֶּרֶךְ.

**ה.** אוֹיבּ עֶס אִיז דָא וֶוייניגֶער ווִי 1-2 פַּרְסָה צְווִישְׁן אֵיין שְׁטָאט אִין דִי אַנְדֶערֶע, זָאל מֶען זָאגְן דֶער תְּפִלָּה, אָן קֵיין שֵׁם וּמַלְכוּת.[ט]

**ו.** דֶער זֶעלְבֶּע דִין אִיז אוֹיךְ אוֹיבּ דִי וֶועג וואוּ מְ'ווִיל אָנְקוּמֶען אִיז מֶער ווִי דִי שִׁיעוּר פַּרְסָה, אָבֶּער עֶס אִיז דָא אַ שְׁטָאט אִינְמִיטְן אָדֶער אִין דִי זַייטְן פוּן דִי וֶועג, זָאל מֶען זָאגְן תְּפִלַּת הַדֶּרֶךְ אָן קֵיין שֵׁם וּמַלְכוּת.[י]

**ז.** מֶען וֶוערְט נָאר מְחֻיָּב צוּ זָאגְן דִי בְּרָכָה, אֵיינְמָאל מֶען אִיז שׁוֹין אַרוֹיס גֶעפָארְן מֶער ווִי זִיבֶּעצִיג אַמּוֹת וּמַשֶּׁהוּ פוּנֶעם שְׁטָאט - בְּעֵרֶךְ 140 פִּיס.

**ח.** לְכַתְּחִלָּה זָאל מֶען זָאגְן דֶער בְּרָכָה גְלֵייךְ וֶוען מֶען קֶען, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט גְלֵייךְ גֶעזָאגְט, קֶען מֶען נָאךְ זָאגְן אַזוֹי לַאנְג בִּיז מֶען אִיז נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען אַזוֹי נָאנְט ווִי אַ פַּרְסָה צוּ דֶער שְׁטָאט ווִי מֶען ווִיל דֶערְגְרֵייכְן.

---

**ז.** כן מבואר בפוסקי אחרונים, וכן נהגו כמה גדולים נבג"מ לאמרו בשעת התפילה, ועי' בשו"ת שבט הלוי (ח"י כ"א אות ג' שאפילו אם בוודאי מחוייב לומר הברכה בדרך, אין זה הפסק בברכת שמע קולינו, דהוא בדרך בקשה ותפילה, וכ"כ בשו"ת בצל החכמה (ח"ה סי' ס"ו).

**ח.** עיין בתהלה לדוד (סימן קי אות ג) שהביא דברי הרא"ש דפחות מפרסה סמוך לעיר אינו מקום סכנה, א"כ כשהדרך הולך סמוך לעיירות תוך פרסה אף שהוא אינו הולך דרך העיירות א"צ לברך, עיי"ש שכתב (אות ד) דעכ"פ אם הולך מעיר לעיר ואין ביניהם שני פרסאות אין צריך לברך. וכדאי לחשוש לדבריו, משום חשש ברכה.

**ט.** כן מבואר בשו"ע סי' ק"י ועי' בצל החכמה (ח"ה ס"ח).

**י.** ביאור הלכה סוף סימן קי (ד"ה ואין לאומרה).

**ט.** װען מען פֿאָרט אויף אַ פֿליגער קען מען גלייך זאָגן די בּרכה.[יא]

**י.** אַזוי אויך װען מען פֿאָרט מיט אַ באַן, קען מען גלייך זאָגן די בּרכה.

**יא.** אויב מען האָט זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן װעג אין אַ שטאָט, קען מען זאָגן דאָרטן די בּרכה, אַפילו אויב מען געפינט זיך יעצט אין אַ שטאָט, װייל מען איז אויפן װעג װייטער צו פֿאָרן.[יב]

**יב.** אַפילו אויב עס איז דאָ נאָך אַ שטאָט אָדער הייזער אין דער זייט קען מען זאָגן די בּרכה, אָבער עס איז ראַטזאַם נישט צו זאָגן מיט שם ומלכות.[יג]

**יג.** מען מאַכט דער בּרכה נאָר איינמאָל אַ טאָג, אַפילו אויב מען פֿאָרט מער װי איינמאָל אינעם זעלבע טאָג.

**יד.** אויסער אויב מען האָט אינזין געהאַט צו בּלייבן אין אַ געװיסע פּלאַץ, און דערנאָך האָט מען חרטה געהאַט, און מען װיל װייטער פֿאָרן, דאַן מאַכט מען אַ נייע בּרכה.[יד]

**טו.** אַפילו אויב מען פֿאָרט יעדן טאָג, דאַרף מען מאַכן יעדן טאָג אַ נייע בּרכה.

---

**יא.** שהרי העיקר מה שצריך ליהות 'מוחזק בדרך' ובזה הרי בודאי מוחזק בדרך, ועוד דמיד כשהוא באויר נתרחק מן העיר, ואפי' כשהפליגער עוד על הארץ, ולא באויר, מסתבר דיכול לברך, דהטעם שאין אומרים אותו סמוך לעיר, הוא דליכא סכנה עוד מליסטים וחיות רעות דלא שכיחי שם, אבל בפליגער אם יהי' ח"ו סכנה לא יהני כלום מה שהוא סמוך לעיר.

ומהאי טעמא כתב המשנ"ב סק"ל דבנוסע במסילת ברזל – באַן, יכול לאומרה אפילו כבר הגיע בתוך הפרסה סמוך לעיר, דאפילו אין עוד סכנה מחיות וליסטים, אבל סכנת דרכים מיהא איכא. ועיין בתהלה לדוד (בהשמטת לסימן קי) שמסתפק בדין זה, ולהלכה נראה לאומרה בלי שם ומלכות.

**יב.** משנ"ב ס"ק כ"ט. ובאמת הט"ז מתיר לברך אפילו בתוך ביתו לפני יציאתו מן העיר, דכבר גמר בליבו והכין עצמו לצאת, אבל האליה רבה, והפרי מגדים ושאר אחרונים חולקים עליו, ובדיעבד יש לסמוך על דבריו, והרבה גדולי ישראל נהגו כשיטת הט"ז.

**יג.** ואולי כדי להמתין עד שאינם נמצאים בתים מן הצד, כדי שיוכל לומר אח"כ הברכה עם חתימה.

**יד.** דזה נקרא היסח הדעת, ושכיח בעיירות קטנות שרחוקה עיר אחת מהשניה דכל פעם שנוסע מהעיר צריך לברך.

**טז.** אויב מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ אָפּ בֵּיינַאכְט אִין אַ הָאטֶעל וְכַדוֹמֶה, און די קומֶענְדִיגֶע טָאג פָּארְט מֶען וֵוייטֶער, דַארְף מֶען מַאכְן אַ נֵייעֶ בְּרָכָה וֶוען מֶען פָּארְט וֵוייטֶער.[טו]

**יז.** אוֹיךְ וֶוען מֶען גֵייט שְׁפַּאצִירְן מִיטְן פִּיס, מֶער וִוי אַ פַּרְסָה אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט, דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען צוּ זָאגְן תְּפִלַּת הַדֶּרֶךְ.

**יח.** וֶוען מֶען קְרִיכְט אַרוֹיף אַ בַּארְג, כָאטְשׁ וָואס דֶער גַאנְצֶע בַּארְג אִיז קְלֶענֶער וִוי דֶער שִׁיעוּר פוּן אַ פַּרְסָה, אָבֶער וִויבַּאלְד מֶען גֵייט אַרוּם און אַרוּם בִּיז מֶען קוּמְט אָן אוֹיבְן אוֹיפְן בַּארְג, דַאן דַארְף מֶען זָאגְן תְּפִלַּת הַדֶּרֶךְ אוֹיב מֶען שְׁפַּאצִירְט מֶער וִוי דֶער שִׁיעוּר.

**יט.** לְכַתְּחִלָּה דַארְף מֶען מַאכְן אַן אַנְדֶערֶע בְּרָכָה אֵיידֶער מְ'זָאגְט תְּפִלַּת הַדֶּרֶךְ כְּדֵי עֶס זָאל זַיין "בְּרָכָה הַסְּמוּכָה לַחֲבֶרְתָּהּ" - נָאנְט צוּ אַן אַנְדֶערֶע בְּרָכָה. עֶס אִיז רַאטְזַאם צוּ מַאכְן אַ נָאךְ בְּרָכָה, אָדֶער בִּרְכַּת אֲשֶׁר יָצַר, און גְלַייךְ דֶערְנָאךְ זָאל מֶען זָאגְן יְהִי רָצוֹן וְכוּ', וַוייל אַ פָּאר-בְּרָכָה אִיז מֶען דָאךְ מַפְסִיק מִיטְן עֶסְן צְווִישְׁן דִי פָּאר-בְּרָכָה, מִיט תְּפִלַּת הַדֶּרֶךְ.[טז]

**כ.** בְּדִיעֲבַד קֶען מֶען מַאכְן דִי בְּרָכָה, אֲפִלּוּ אָן אַ בְּרָכָה הַסְּמוּכָה לַחֲבֶרְתָּהּ.[יז]

## נְסִיעָה לִפְנֵי הַתְּפִלָּה

**א.** מֵעִקַּר הַדִּין טָאר מֶען נִישְׁט אַרוֹיס פָּארְן פוּן שְׁטָאט פַּארְן דַאוֶוענֶען, אֲפִלּוּ אוֹיב וֶוען מֶען גֵייט אָנְקוּמֶען צוּם אַנְדֶערְן שְׁטָאט וֶועט נָאךְ זַיין אַ מִנְיָן בֶּעפָאר סוֹף זְמַן תְּפִילָּה.[יח]

---

**טו.** ביאור הלכה (ד"ה צריך לחזור) ועיי"ש שמצדד לומר שאפילו נוסע לעיר אחרת "בעוד לילה" צריך לברך מחדש, ונראה להלכה, לאומרה בלי ברכה.

**טז.** ועיין במשנה ברורה (סימן רט סק"ח) שכתב דטעימה אינו הפסק.

יש מהפוסקים שרוצים לפקפק על ברכת בורא נפשות, כי אין מסיימים בשם ומלכות, ואי"ז נקרא ברכה הסמוכה לחבירתה, ולמעשה נהגו להקל.

**יז.** משנ"ב (שם סקכ"ח).

**יח.** סימן פט סעיף ג, ובמ"ב שם.

**ב.** עֶס זֶענֶען דָא וָואס זֶענֶען מַתִּיר אוֹיבּ מֶען זָאגְט בִּרְכַּת הַשַּׁחַר בֶּעפָאר מֶען פָּארְט אַרוֹיס, אָבֶער נָאר אוֹיבּ מֶען וֶועט דַאוֶונֶען מִיט אַ מִנְיָן וֶוען מֶען קוּמְט אָן צוּם אַנְדֶערְן פְּלַאץ.[יט]

**ג.** בִּשְׁעַת הַדְּחָק, לְמָשָׁל אוֹיבּ מֶען הָאט פַארְשְׁפֶּעטִיגְט אוּן מֶען דַארְף כַאפְּן אַ פְּלִיגֶער א.ד.ג, מֶעג מֶען אַרוֹיס פָארְן בֶּעפָאר דַאוֶונֶען.[כ]

**ד.** אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְן עֶטְלִיכֶע פּוֹסְקִים אַז מֶען טָאר נִישְׁט אַרוֹיס פָארְן פַאר מִנְחָה וּמַעֲרִיב, אָבֶער מִנְהָג הָעוֹלָם אִיז צוּ מֵקֵל זַיין.

## מִנְיַן דָחוּק

**א.** אֵיידֶער מֶען פָּארְט אַרוֹיס, זָאל מֶען זִיכֶער מַאכְן, אַז מֶען גֵייט וואוֹינֶען אִין אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס אִיז דָא אַ מִנְיָן.

**ב.** אוֹיבּ עֶס אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען אַז מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין מִנְיָן, אִיז מֶען מְחֻיָּב צוּ גֵיין דַאוֶונֶען מִיט אַ מִנְיָן בִּיז אַ שִׁיעוּר פוּן 18 מִינוּט,[כא] סֵיי מִיט אַ קַאר אָדֶער צוּפִיס.[כב]

---

**יט.** ויל"ע אם צריך לברך הי"ג ברכות של ברכת השחר, דהא ברכת התורה לא הוי התחלת התפלה. (סי' פ"ט ס"ג וברמ"א סי' צ' מ"ב ס"ק נ"ג) מיהו בשו"ע הרב משמע דבכל אופן אסור לנסוע קודם התפלה, ואף אחר אמירת הברכות, ונכון לנהוג כן לכתחילה.

**כ.** משנ"ב שם סק"כ.

**כא.** והמחמיר עד ע"ב מינוט תבא עלין ברכה, במשנה ברורה (סי' צ' ס"ק נ"ב) מביא דעת השו"ע הרב דמי שדר בעיר צריך לילך עד שיעור מיל כדי להתפלל במנין, דדינו כמי שהולך בדרך דלפניו צריך לילך עד ד' מיל, ומי שדר בעיר דינו כלאחריו, וטעם הדבר צ"ל דדוקא מי שהולך בדרך וממילא יצטרך לילך עד מקום המנין משום הכי חייבינן אותו לילך עכשיו כדי שיתפלל במנין, משא"כ במי שדר בעיר אינו רצונו לילך שמה דינו כלאחריו, אמנם בתהילה לדוד הקשה דהשו"ע הרב בסימן קס"ג נקט לענין נטילת ידים דאם אין לו מים צריך לילך ד' מיל אפי' מי שדר בעיר, ונשאר בצ"ע. ולדינא נראה דמכיון דבמג"א שם נסתפק בדין זה אם מי שדר בעיר יש לו דין לפניו או לאחריו ע"כ יש לנקוט לדינא כהכרעת המ"ב דאין צריך לילך רק מיל, ובפרט דכאן לענין התפלה נקט השו"ע הרב במאמר המוסגר ג"כ הכי, ומשו"ה כתבנו דהמחמיר

**ג.** אויב מֶען הָאט מוֹרָא צוּ גֵיין דַאוֶונֶען מִנְחָה מַעֲרִיב, וְוִיבַּאלְד בַּיים צוּרִיק קוּמֶען וֶועט עֶס שׁוֹין זַיין צוּ טוּנְקֶעל, אָדֶער מֶען וֶועט מוֹרָא הָאבְּן אַהֵיים צוּ גֵיין, דַארְף מֶען נִישְׁט אַהִין גֵיין, אָבֶער מִיט אַ קַאר אִיז נִישְׁט דָא פוּן וָואס צוּ מוֹרָא הָאבְּן מִמֵילָא אִיז מֶען מְחֻיָב אַהִין צוּ פָארְן.

**ד.** מֵעִקַר הַדִין אִיז מֶען נִישְׁט מְחֻיָב צוּ אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט פַאר אַ טֶעקְסִי אָנְצוּקוּמֶען צוּ אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס אִיז פַארְהַאנֶען אַ מִנְיָן. אָבֶער עֶס אִיז זִיכֶער אַ גְרוֹיסֶע עִנְיָן און אַ סְגוּלָה צוּ דַאוֶונֶען מִיט אַ מִנְיָן, און עֶס אִיז נָאךְ אַזוֹי פִיל וֶוערְד דִי גֶעלְט, ווִי אַלֶע אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס מְ'צָאלְט אִין דִי הָאלִידֶעי"ס.

## בִּרְכַּת הַיָם

**א.** וֶוען מֶען זֶעט יַמִים[כג] וָואס אִיז נָאךְ פוּן שֵׁשֶׁת יְמֵי בְּרֵאשִׁית, בְּרוֹיךְ מֶען מַאכְן דֶער בְּרָכָה פוּן "עוֹשֶׂה מַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית".

**ב.** אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מֶען זֶעט הוֹיכֶע און שֵׁיינֶע בֶּערְג ווִי צ.ב. דִי שְׁוֵוייצֶער בֶּערְג מַאכְט מֶען דִי בְּרָכָה "עוֹשֶׂה מַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית".[כד]

**ג.** אוֹיף דֶער יַם הָאוֹקְיָנוֹס [דֶער יַם וָואס נֶעמְט אַרוּם דֶער גַאנְצֶע וֶועלְט] מַאכְט מֶען דֶער בְּרָכָה "שֶׁעָשָׂה הַיָם הַגָּדוֹל".[כה]

---

עד ע"ב מינוט תבוא עליו ברכה, דהא בשו"ע הרב בהל' נט"י ס"ל להחמיר, ואפשר דמש"כ כאן במאמר המוסגר אינו מהרב עצמו.

**כב.** ביאור הלכה סי' קס"ג שאין הנידון משום ריחוק המקום, כי אם עד כמה זמן מחוייב לטרוח עצמו ללכת.

**כג.** והרואה נהרות יהרהר בלבו ברכת עושה מעשה בראשית, אבל לא יוציאנה בפיו, דאולי הנהרות אינם משתת ימי בראשית, ועיין במ"ב סימן רכח (סק"ו) שבימים מן הסתם א"צ לחוש שמא נשתנה מהלכם, ועיין בשו"ת בצל החכמה ח"ב סימן טו.

**כד.** שו"ע סימן רכ"ח, וכמבואר בסי' רכ"ה ס"ג.

**כה.** עיין מג"א ומשנ"ב (שם) וכתב בביאור הלכה דברכת 'מעשה בראשית' הוא ברכה כוללת, ויוצא בזה בדיעבד בכל ענין.

**ד.** אויף דער יַם אַרום ענגלאנד מאכט מען די בְּרָכָה "עוֹשֶׂה מַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית".[כו]

**ה.** אפילו מען האט שוין געזען די ים און מען האט נישט געמאכט א ברכה דערויף, קען מען מאכן דער ברכה ווי לאנג מען זעט די ים און מען כאפט התפעלות פון דעם.

**ו.** מען קען מאכן דער ברכה אויף די ים אפילו אויב מען זעט די ים אויפן פליגער וכדומה.

**ז.** מען מאכט אט דער ברכה נאר איינמאל אין דרייסיג טעג, ד.מ. זינט מען האט געמאכט די ברכה, דארף אריבער גיין נאך דרייסיג טעג וואס מ'זעט נישט די ים, און ערשט דעמאלטס קען מען מאכן נאך א ברכה.

**ח.** אויב מען האט ערשט געזען די ים און געמאכט א ברכה דערויף, און דערנאך זעט מען די בערג, [אדער פארקערט], דארף מען מאכן א נייע ברכה.

## אַ כָּשֵׁר'ע קָאך

ווען מען וואוינט אין א גוי'אישע הויז, און מען וויל דארטן קאכן, דארף מען זיין זייער פארזיכטיג צו כשר'ן ריכטיג, כדי עס זאל נישט זיין קיין שום חששות און שאלות.

**א.** מען דארף גוט אפרייניגן די קראנען [סינק"ס] און די קאך טישל [ווערקטאפ"ס] פון פאראויס כדי עס זאל נישט בלייבן קיין שום נישט כשר'ע עסן דערויף.

**ב.** דערנאך זאל מען גיסן הייסע וואסער פון א כלי ראשון אויף די סינקס און די ווערקטאפס.

עלעקטריק געז:

**ג.** ערשט זאל מען אנצינדן די ברענערס, און מען זאל לאזן די פייער ברענען פאר בערך פינף מינוט, ביז עס ווערט זייער הייס, און אזוי ווערט דאס כשר.

---

**כו.** משום דאינו כים האוקיינוס אלא כיוצא מהים, דדוקא על הים אוקיינוס גופא מברך, ובלא"ה יוצא בברכת 'מעשה בראשית' דהיא ברכה כוללת, וכן נהגו המברכים.

**ד.** אִין דִי פְּלֶעצֶער וואוּ דִי הֵייסקֵייט פוּן דִי פֵייעֶר אִיז נִישְׁט אָנגֶעקוּמֶען, [דִי פְּלֶעצֶער וואוּ דִי פְלַאמֶען קוּמֶען נִישְׁט אַרוֹיס] בַּאדֶעקְט מֶען מִיט זִילְבֶּער פַּאפִּיר, אָדֶער קֶען מֶען גִיסְן הֵייס וַואסֶער דֶערוֹיף.

**אִינְדָאקְשֶׁע״ן הָא״ב:**

**ה.** מֵעִקַר הַדִין דַארְף מֶען נִישְׁט כָּשֵׁר׳ן קֵיין אִינְדָאקְשֶׁע״ן הָא״ב,[כז] און מֶען קֶען עֶס נוּצְן אוֹיבּ ס׳אִיז רֵיין. אָבֶּער לְהִדּוּר אִיז רַאטְזַאם צוּ אַרוֹיף לֵייגְן אַ טָאפּ אָנְגֶעפִילְט מִיט וַואסֶער, און מֶען זָאל דָאס אָנְצִינְדֶען אוֹיפְן הֶעכְסְטֶע גְרַאד, פַאר צֶען מִינוּט. [מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ לֵייגְן מֶער וִוי אֵיין טָאפּ אוֹיף אַמָאל, כְּדֵי דִי הָא״ב זָאל נִישְׁט קַאלְיֶע וֶוערְן]. דֶערְנָאךְ קֶען מֶען אִיבֶּער גִיסְן מִיט הֵייס וַואסֶער דִי פְלַאץ אַרוּם דִי הָא״ב וואוּ דִי הֵייסקֵייט אִיז נִישְׁט אָנגֶעקוּמֶען.

**אוֹיוֶוען:**

**ו.** עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ כָּשֵׁר׳ן דִי אוֹיוֶוען, דֶעריבֶּער דַארְף מֶען בַּאדֶעקְן דִי מַאֲכָלִים צְוֵויי מָאל, און אַזוֹי עֶס אַרַיין לֵייגְן אִין דֶער אוֹיוֶוען.[כח]

**ז.** פָאְרט פִירְט מֶען זִיךְ צוּ אוֹיסְרֵיינִיגְן דִי אוֹיוֶוען, און דֶערְנָאךְ אָנְצִינְדֶען דֶער אוֹיוֶוען פַאר אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה אוֹיף דֶער הֶעכְסְטֶע גְרַאד, און נָאכְדֶעם זָאל מֶען בַּאדֶעקְן דִי טֶעצֶער מִיט זִילְבֶּער פַּאפִּיר.

**ח.** דִי אוֹיוֶוענֶעס וָואס מְ׳קֶען אָנְשְׁטֶעלְן SELF CLEAN [וָואס דָאס אִיז אַזוֹי וִוי לִבּוּן], קֶען מֶען יָא כַּשְׁרְ׳ן דוּרךְ דֶעם וָואס מְ׳לָאזְט עֶס אָן פַאר צֶען מִינוּט אוֹיפְן הֶעכְסְטֶע גְרַאד, אָבֶּער פָאְרט אִיז רָאטזַאם צוּ בַּאדֶעקְן דִי מַאֲכָלִים צְוֵויי מָאל בֶּעפָאר מֶען לֵייגְט אַרַיין דִי עֶסְן אִין דִי אוֹיוֶוען.

**מַייקְרָאוֶועיְוו:**

**ט.** קֶען מֶען נִישְׁט כָּשֵׁרְ׳ן,[כט] דֶעריבֶּער אוֹיבּ דַארְף מֶען עֶס וִויכְטִיג נִיצְן זָאל מֶען

---

**כז.** דכלי זכוכית אינו בולע (שו״ע או״ח סימן תנא, יו״ד סימן קלה סעיף ח, ועיין במנחת יעקב כלל פ״ה אות יב). ויש עוד טעמים ובירורים ע״ז, ובקובץ ׳היכל הכולל׳ היו״ל ע״י כולל ׳יטב לב׳ הארכתי בתשובה בדין זה.

**כח.** ויזהר שלא יגע כיסוי החיצון בהאוכל כשהוא חם.

**כט.** כן נקט הגאב״ד זצ״ל בשו״ת חשב האפוד (ח״ג סימן פח) דאי אפשר להכשירו

עֶס גוּט אָפְּרֵייניגְן מִיט שְׁטַארְקֶער זֵייף, אוּן נָאכְדֶעם זָאל מֶען עֶס בַּאדֶעקְן מִיט צְוֵויי כִּסוּיִים.

**טִישׁ:**

**י.** דַארְף מֶען בַּאדֶעקְן מִיט אַ טִישְׁטוּךְ וְכַדּוֹמֶה.

**יא.** דֶער פְרִידְזְשׁ אוּן פְרִיזֶער: דַארְפְן זַיין רֵיין, עֶס אִיז רַאטְזַאם צוּ עֶס אִיבֶּער דֶעקְן מִיט פַּאפִּיר א.ד.ג.

## לֶעקְטֶער

**א.** מֶען דַארְף זַיין גֶעוָוארְנְט אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען דִי לֶעקְטֶער פוּן דֶער פְרִידְזְשׁ, אוֹיבּ מֶען וִויל עֶס נוּצְן אוּם שַׁבָּת.

**ב.** אוֹיבּ מֶען הָאט פַארְגֶעסְן דָאס אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען, אָדֶער אוֹיס צוּ לֶעשְׁן דִי לֶעקְטֶער בֶּעפָאר שַׁבָּת, קֶען מֶען עֶס אַרוֹיס נֶעמֶען אוֹיף שַׁבָּת דוּרְךְ אַ גוֹי.[ל]

**ג.** אוֹיבּ מֶען הָאט פַארְגֶעסְן עֶסְן אִין אַ קַאר, מֶעג מֶען זָאגְן פַאר אַ גוֹי צוּ עֶס אַרוֹיס נֶעמֶען פַאר אִים, אֲפִלּוּ וֶוען דֶער לֶעקְטֶער אִיז אָן.[לא]

**ד.** אַ לֶעקְטֶער וָואס צִינְדְט זִיךְ אָן פוּן זִיךְ אַלֵיין [מִיט אַ סֶענְסֶע״ר] זָאל מֶען לְכַתְּחִלָּה נִישְׁט אַרִיבֶּער גֵיין אִין אַזַא פְּלַאץ.

**ה.** אוֹיבּ עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין אַנְדֶערֶער וֶועג, אוּן עֶס אִיז גֶענוּג לִיכְטִיג אַז מֶען זָאל נִישְׁט הֲנָאָה הָאבְּן פוּן דֶעם, מֶעג מֶען אַרִיבֶּער גֵיין.[לב]

---

**ל.** עי׳ מג״א ש״ז ס״ק ז׳ בשם ריב״ש סימן שפ״ד, דכיבוי הוי מלאכה שאין צריך לגופה, והוי שבות דמותר ע״י עכו״ם במקום מצוה, ולגבי גוי לא חיישינן לשיטת החזו״א דהוי סותר, ועוד דהוי סותר שלא ע״מ לבנות.

**לא.** דליכא פסיק רישא בעכו״ם כמבואר במג״א סוף סימן רנג.

**לב.** כן הורה מרן הגאב״ד זצ״ל בספרו שו״ת חשב האפוד (ח״ג סימן פ״ג) ועיקר התירו הוא עפ״י שיטת הערוך דפס״ר דלא ניחא ליה מותר, ולפי״ז במקום אפל הו״ל לאסור אמנם מצרף

## הֶפְסֵק בִּשְׁעַת אֲכִילָה

**גֶעוֶועֶנְלִיךְ וֶוען אַ מֶענְטְש עֶסְט אַ מָאלְצֵייט זִיצְט עֶר אוֹיף אֵיין פְּלַאץ בִּיז נָאכְן בֶּענְטְשֶׁען, אָבֶער וֶוען אַ מֶענְטְש אִיז אוּנְטֶער וֶועגְנְס, אָדֶער בֵּיים שְׁפַּאצִירְן אִינְמִיטְן אַן אוֹיסְפְלוּג, עֶסְט מֶען גֶעוֶועְנְלִיךְ נִישְׁט אַ גַאנְצֶע מָאלְצֵייט אוֹיף אֵיין פְּלַאץ, און דָאס קֶען צוּבְרֶענְגֶען פַארְשִׁידֶענֶע שְׁאֵלוֹת וּסְפֵקוֹת בְּעִנְיַן בְּרָכוֹת.**

**א.** בְּדֶרֶךְ כְּלַל וֶוען מֶען עֶסְט אִינְדֶערְהֵיים, און אִינְמִיטְן גֵייט מֶען אַרוֹיס רֶעדְן מִיט אַ חָבֵר א.ד.ג. דַארְף מֶען מַאכְן אַ נֵייעֶ בְּרָכָה וֶוען מֶען קוּמְט צוּרִיק אַרֵיין צוּ צוּעֶנְדִיגְן דֶער מָאלְצֵייט, וַוייל אַרוֹיסְגֵיין פוּנֶעם הוֹיז הֵייסְט אַ הֶפְסֵק.

**ב.** אוֹיסֶער אוֹיב מֶען עֶסְט אַ כְּזַיִת בְּרוֹיט, אָדֶער אַן אַנְדֶערֶע עֶסְנְוַוארְג וָואס אִיז גֶעמַאכְט פוּן דִי חֲמֵשֶׁת מִינֵי דָּגָן אָדֶער שִׁבְעַת הַמִּינִים דַארְף מֶען נִישְׁט מַאכְן אַ נֵייעֶ בְּרָכָה וֶוען מֶען קוּמְט צוּרִיק.[לג]

**ג.** אוֹיב צְוֵויי אָדֶער מֶער מֶענְטְשְׁען עֶסְן צוּזַאמֶען און כָאטְשׁ אֵיינֶער בְּלֵייבְּט בֵּיים טִישׁ, דַארְפְן דִי אַנְדֶערֶער נִישְׁט מַאכְן אַ נֵייעֶ בְּרָכָה וֶוען זֵיי קוּמֶען צוּרִיק אַרֵיין.[לד]

**ד.** אוֹיב מֶען זִיצְט זִיךְ אַרָאפּ עֶסְן אָדֶער טְרִינְקֶען עֶפֶּעס וָואס גֶעוֶועְנְלִיךְ נֶעמְט דָאס אַ גֶעוִויסֶע מָאס צֵייט, לְמָשָׁל אַ גְלֶעזְל בִּיר אָדֶער קַאוֶוע, און מֶען גֵייט אַוֶועק פַאר אַ קוּרְצֶע צֵייט דַארְף מֶען נִישְׁט מַאכְן אַ נֵייעֶ בְּרָכָה.[לה]

**ה.** דֶער זֶעלְבֶּע הֲלָכוֹת אִיז אוֹיךְ אוֹיב מֶען הֵייבְּט אָן עֶסְן אִינְדְרוֹיסְן, און מֶען קוּמְט אַרֵיין אִינְמִיטְן.

---

שם עוד סניף להיתר עפ"י שיטת הרשב"א הידוע בצידת צבי, ומרן הגאב"ד שליט"א הוסיף טעם להתיר דלא הוי דרך מלאכה כיון שנדלק ע"י הרגשת חום גופו, וכן פסק הגאון בעל שבט הלוי זצ"ל.

**לג.** אבל לכתחילה לא יעקור מקומו ביין או בז' מינים

**לד.** ומבית לבית אם עדיין רואה מקומו הראשון או אפי' רק מקצת החדר, דעת המשנה ברורה (ס"ק י"ב וע"ע שעה"צ סק"ט) דצריך לברך, וקיי"ל דספק ברכה להקל, ומחדר לחדר גם המ"ב מתיר.

**לה.** כן כתב בסידור הרב (פ"ט הי"ח) וכתב בקצוה"ש (ס"י) דה"ה בשתיית קאווע

**ו.** אויב מֶען עֶסְט בִּשְׁעָתְ'ן גֵיין - שְׁפַּאצִירְן אָדֶער פָּארְן, און נִישְׁט אויף אֵיין גֶעווִיסֶע פְּלַאץ, דַארְף מֶען נִישְׁט מַאכְן בֵּיי יֶעדֶער אָרְט אַ נֵייעֶ בְּרָכָה.

**ז.** אָבֶער אויב מֶען הָאט זִיךְ בַּאזֶעצְט אויף אֵיין גֶעווִיסֶע פְּלַאץ ווִי צ. ב. אִינְמִיטְן פֶּעלְד, און דֶערְנָאךְ גֵייט מֶען ווַייטֶער דַארְף מֶען מַאכְן אַ נֵייעֶ בְּרָכָה, אויב מֶען קֶען שׁוֹין נִישְׁט זֶען דֶער פְּלַאץ וואו מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ עֶסְן.

**ח.** אויב מֶען הֵייבְּט אָן עֶסְן אִינְדֶערְהֵיים, און דֶערְנָאךְ ווִיל מֶען אַרוֹיסְגֵיין אויף אַ שְׁפַּאצִיר, דַארְף מֶען מַאכְן אַ נֵייעֶ בְּרָכָה אֵיינְמָאל מֶען אִיז שׁוֹין נִישְׁט אִינְדֶערְהֵיים.[לו]

**ט.** וֶוען מֶען עֶסְט אַ צוּקֶערְל, ווִיבַּאלְד עֶס אִיז נִישְׁט דֶער סֵדֶר דָאס צוּ עֶסְן אויף אֵיין גֶעווִיסֶע פְּלַאץ, דַארְף מֶען נִישְׁט מַאכְן אַ נֵייעֶ בְּרָכָה וֶוען מֶען גֵייט אויף אַ נֵייעֶ פְּלַאץ, אָבֶער פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן לוֹינְט זִיךְ צוּ מַחְמִיר זַיין און עֶסְן דִי צוּקֶערְל נָאר אויף אֵיין פְּלַאץ.[לז]

**י.** וֶוען מֶען עֶסְט אִין אַ פַּארְמַאכְטֶע פְּלַאץ צוּם בֵּיישְׁפִּיל אַ פַּארְק, אֲפִלּוּ עֶס אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס דַארְף מֶען נִישְׁט מַאכְן אַ נֵייעֶ בְּרָכָה, אֲפִלּוּ מֶען זֶעהְט מֶער נִישְׁט דֶער פְּלַאץ וואו מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן, ווִילַאנְג מֶען אִיז נָאךְ אִין דֶער פַּארְמַאכְטֶע שֶׁטַח.

**יא.** אֵיינְמָאל אָבֶער מֶען גֵייט שׁוֹין אַרוֹיס פוּן דִי פַּארְמַאכְטֶע שֶׁטַח, אֲפִלּוּ מֶען זֶעט נָאךְ דִי פְּלַאץ וואו מֶען הָאט גֶעגֶעסְן, דַארְף מֶען דָאךְ מַאכְן אַ נֵייעֶ בְּרָכָה.

**יב.** אויב מֶען הֵייבְּט אָן עֶסְן אִין אַ קַאר און מֶען ווִיל וַוייטֶער עֶסְן אִינְדְרוֹיסְן פוּנֶעם קַאר, קֶען מֶען מֵקֵל זַיין און נִישְׁט מַאכְן אַ נֵייעֶ בְּרָכָה, ווִילַאנְג מֶען זֶעט דִי קַאר.[לח]

---

**לו.** אפילו אם אוחז המאכל בידו, דהתחלת הסעודה בתוך הבית אפילו בהולך יש לו דין קביעות וצריך לברך כשאוכל במקום אחר, אבל בפת מהני דעתו לעקור משם אפילו לכתחילה. (מ"ב סי' קע"ח סקמ"ב).

**לז.** כן מובא בשם כמה פוסקים, ובמעשה איש מביא סיפור שפעם הלך החזו"א עם ב"א הגרח"ק זצ"ל כשהיה ילד, ואמר החזו"א שיטול הצוקערל מפיו ויעשה ברכה. והגאון רח"מ הלוי וואזנער זצ"ל (אב"ד קהל יטב לב דפק"ק), היה מורה לחומרא.

**לח.** עיין שעה"צ (סי' קע"ח ס"ק ל"ח) שנוטה להקל, ונראה שזה דוקא אם הי' לו דעת לאכול

**יג.** ווען מען גייט אַרויס פונעם הויז צום גאָרטן, איז דער זעלבע דין פון חֶדר לחֶדר, וואס מען דאַרף נישט מאַכן אַ נייע בְּרָכָה אויב מען זעט נאָך דער פלאַץ וואו ער האָט געגעסן.[לט]

**יד.** אין קעמפס, זענען די גערטנער אַ רשות הָרַבִּים, און מען דאַרף יאָ מאַכן אַ נייע בְּרָכָה.

**טו.** אַ טעראַסע - פָּארטש, דאַרף מען נישט מאַכן אַ נייע בְּרָכָה.[מ]

**טז.** אויב מען עסט אין אַ באַן סטאַנציע, אָדער אין אַ לופט-פעלד, און אינמיטן גייט מען אַרויף אויף דער באַן אָדער דער פליגער, אויב מען האָט געגעסן זיצענדיג הייסט עס אַ קביעות, און מען דאַרף מאַכן אַ נייע בְּרָכָה.

**יז.** אָבער אויב מען האָט געגעסן שטייענדיגעהייט, דאַרף מען נישט מאַכן אַ נייע בְּרָכָה.

**יח.** אָבער פאַרקערט, ווען מען האלט אינמיטן עסן אין דער באַן אָדער פליגער, און אינמיטן גייט מען אַראָפּ, דאַרף מען אַלעמאל מאַכן אַ נייע בְּרָכָה, ווען מען שטייגט אַראָפּ.

## מְזוֹנוֹת בְּרוֹיט

**א.** עס זענען דאַ מענטשען וואס נעמען מיט מְזוֹנוֹת בְּרוֹיט ווען זיי פאָרן אינטערוועגס, אָבער מען דאַרף זיין זייער געוואָרנט נישט צו עסן מער ווי ג׳ אָדער ד׳ בֵּיצִים.[מא]

---

אח"כ חוץ לקאר דאז דינו כמו הולכי דרכים, אמנם בלי דעת הוי קביעות מקום בקאר וצריך לברך.

**לט.** ויש פוסקים שחלקו דדוקא בחצר האחורי הוי כחדר, משא"כ בחצר לפני הבית דינו לענין זה כרשות הרבים.

**מ.** כן נקטו פוסקי זמנינו, וכן מסתבר, ויש מי שאומרים שזה הפסק, וספק ברכות להקל.

**מא.** שיטת הט"ז (בסימן קסח) דרק בלחם שרובו תבלין מברך מזונות דהיינו שירגיש מתיקות כמו בלעקיך, ויש לסמוך על שיטת הדעת תורה (מהר"ם מבערזאן) שמתיר באופה קמח עם רוב מי פירות, אמנם אם אוכל ג׳ או ד׳ ביצים ושבע יש ספק שחייב ברכת המזון כמבואר

**ב.** אויב מען עסט מער ווי דער שיעור און מען איז געוואָרן זאט, דאַרף מען בענטשען ברכת המזון, אפילו אויב מען איז געוואָרן זאט, מיט דעם וואס מ'האט געגעסן אַ צושפּייז אָן די ברויט.[מב]

## הלכות שבת

לקראת שבת לכו ונלכה, מען דאַרף מכבד זיין די הייליגע שבת, מיטן שענסטע און בעסטע, אפילו ווען מען איז אין דער פרעמד זאל מען חלילה נישט מזלזל זיין אינעם שבת קודש. מען דאַרף זיך קליידן געהעריג שבת'דיג,[מג] איבער-דעקן די טישן מיט שבת'דיגע טישטוכער. דער הייליגע שבת דאַרף מען מכבד זיין אַלעמאל, וואו אימער מ'איז נאַר.

## הדלקת הנרות

**א.** די וואס וויילן אין אַ האָטעל אָדער אַ גרויסע משפחה, וואס דער שטייגער איז אַז אַלע עסן צוזאמען אין איין צימער זאל מען לכתחלה צינדן דאָרט וואו מ'עסט.[מד]

**ב.** עס איז דאָ געוויסע האָטעלן וואס לאָזן נישט אַנצינדן ליכט אויף די טיש וואו

בסימן קס"ח, והשו"ע הרב פסק שחייב בברהמ"ז, ואפילו לדעת המ"ב יש לצדד דחייב באכל ג' וד' ביצים ושבע.

**מב.** ובאכל ג' או ד' ביצים ולא שבע, וע"י שאכל שאר דברים שבע, מצטרף ויש לו דין שבע וחייב ברכת המזון לשיטת הרב, אבל לדעת המ"ב לא יברך ברכת המזון עד פת שיעור סעודה, ע"כ לא יאכל יותר מד' ביצים כשהוא שבע.

ויש מחמירין דגם בביצה אחת והוא שבע חייב בברכת המזון, והעצה לזה שיאכל מקודם המזונות ולא יאכל אח"כ ממנו כלום, ואז אינו מצטרף עם שאר המאכלים, ומעיקר דדינא יש להקל.

**מג.** משנ"ב סימן רסב סק"ו.

**מד.** סימן רס"ג סעיף ח ועיין בביאור הלכה (שם ד"ה בחורים).

מ׳עֶסט, נָאר אִין אַ זֵייטִיגֶע צִימֶער, אִין אַזַא פַּאל דַארְף מֶען זִיכֶער מַאכְן אַז די לִיכְט זָאל בְּרֶענֶען גֶענוּג לַאנְג, אַז מֶען זָאל קֶענֶען הֲנָאָה הָאבְן דֶערְפוּן נָאכְ׳ן סְעוּדָה.[מה]

**ג.** אוֹיב אַ חֲתוּנָה גֶעהַאטֶ׳ע טָאכְטֶער/שְׁנִיר עֶסט בֵּיי אִירֶע עֶלְטֶערְן, און אִירֶע מַאמֶע/שְׁווִיגֶער צִינְדְט דָארְט וואו מְ׳עֶסט, זָאל זִי לְכַתְּחִלָּה צִינְדְן אִין אַן אַנְדֶערֶע פְּלַאץ.

**ד.** פַּארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט נִישְׁט אִיבֶּער-לָאזְן די לִיכְט אַלֵיין וֶוען עֶס בְּרֶענְט צוּלִיב חֲשַׁשׁ סַכָּנָה פוּן אַ פֵייעֶר. עֵצָה טוֹבָה: צוּ מִיט נֶעמֶען אַ לֶענְטֶערְ״ן וָואס מְ׳קֶען אַרֵיין לֵייגְן דֶערִין אַ טִ״י לֵיי״ט, אִין אַזוֹי קֶען מֶען אָנְצִינְדֶען דֶערְמִיט די לִיכְט אָן קֵיין שׁוּם חֲשַׁשׁ סַכָּנָה.

**ה.** דֶער מִנְהָג אִיז אַז וֶוען מֶען אִיז אִין דֶער פְרֶעמְד, צִינְדְט מֶען נָאר צְוֵויי לִיכְט.

## קַבָּלַת שַׁבָּת

**א.** אִין די קֶעמְפּ״ס וָואס אִיז אֵיינְגֶעפִירְט אַז עֶס אִיז נָאר דָא אֵיין מִנְיָן קַבָּלַת שַׁבָּת, וֶוערְט די גַאנְצֶע קֶעמְפּ מְחֻיָּב צוּ מְקַבֵּל שַׁבָּת זַיין, און עֶס אִיז אָסוּר צוּ טוּן מְלָאכוֹת פוּן וֶוען מֶען אִיז מְקַבֵּל שַׁבָּת אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, אֲפִילוּ עֶס אִיז בֶּעפָאר די זְמַן הַדְלָקַת נֵרוֹת.[מו]

**ב.** אָבֶער אוֹיב עֶס אִיז דָא מֶער ווי אֵיין מִנְיָן, מֶעג מֶען מְקַבֵּל שַׁבָּת זַיין וֶוען מְ׳ווִיל.

## שְׁפַּאצִירְן

**א.** וֶוען מֶען גֵייט שְׁפַּאצִירְן אוּם שַׁבָּת, אִין אַ דֶערְפֶעל אָדֶער אוֹיף אַ בַּארְג, אָן די בִּגְדֵי שַׁבָּת, ווי צ.ב. שְׁטְרֵיימְל בֶּעקִיטְשֶׁע.. בְּרוֹיךְ מֶען מַאכְן אַ ׳הֶכֵּר כְּדֵי צוּ

---

**מה.** שם סעיף ט ועיין במג״א (שם סקכ״א).

**מו.** נחלקו גדולי הפוסקים אם במקומות הנופש שייך הדין דיחיד נגרר אחר הציבור, והכרעת הגאב״ד דפק״ק שליט״א דמקומות אלו דינם כמו העיר, כיון דטעם התקנה הוא להסיר מכשול את הקבלה, ואין נפק״מ באיזה מקום שימצא.

גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס אִיז שַׁבָּת, ווִי לְמָשָׁל אַרוּם לֵייגְן אַ טַאשְׁטִיכְל אַרוּם דִי הַאלְדְז.[מז]

**ב.** וֶוען מֶען גֵייט אַרוֹיס, דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען צוּ לֵייגְן דִי שְׁלִיסְל אִין אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין חֲשַׁשׁ מֻקְצֶה. לֵייגְן אוּנְטֶער אַ גֶעוֶוענְלִיכֶע שְׁטֵיין קֶען צוּמָאל זֵיין אַ פְּרָאבְּלֶעם פוּן מֻקְצֶה.[מח]

**ג.** מֶען מֶעג גֵיין שְׁפַּאצִירְן אוֹיף גְרָאז, אָבֶער מְ'טָאר נִישְׁט לוֹיפְן אוֹיף הוֹיעכֶע גְרָאז.[מט]

**ד.** לְכַתְּחִלָּה זָאל מֶען נִישְׁט זִיצְן אוֹיף גְרָאז אוּם שַׁבָּת, אָבֶער אוֹיבּ מֶען לֵייגְט עֶפֶּעס אוּנְטֶער ווִי צ.ב. אַ הַאנְטוּךְ וְכַדוֹמֶה, מֶעג מֶען יָא זִיצְן דֶערוֹיף.[נ]

**ה.** אַזוֹי אוֹיךְ טָאר מֶען נִישְׁט עֶסְן קֵיין פְלִיסִיגֶע עֶסְן אָדֶער טְרִינְקֶען אִיבֶּער דִי גְרָאז.[נא]

**ו.** אוֹיבּ דִי שִׁיךְ אִיז גֶעוָוארְן פַארְשְׁמִירְט מִיט בְּלָאטֶע: דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן בֶּעפָאר מֶען קוּמְט אַרֵיין אִין שְׁטוּבּ, אַז מֶען זָאל נִישְׁט שְׁטַארְק רֵייבְּן דִי לֶעדֶער אָדֶער דִי גוּמִי פוּנֶעם שִׁיךְ אוֹיף דִי מֶע"ט, נָאר מֶען זָאל דָאס אָפְּרֵיינִיגְן פָארזִיכְטִיגֶערהֵייט.

**ז.** אוֹיבּ דִי קְלֵיידֶער זֶענֶען גֶעוָוארְן פַארְשְׁמִירְט: אוֹיבּ דֶער בְּלָאטֶע אִיז נַאס - עֶס הָאט נָאךְ אַ פְלִיסִיגְקֵייט, מֶעג מֶען דָאס אַרָאפּ נֶעמֶען אָן וַואסֶער, ווִיבַּאלְד עֶס

---

**מז.** רמ"א סימן שא סעיף טז.

**מח.** ואינו מועיל שיקבע האבן לשימוש במשך זמן שהותו במקום הנופש, דצריך קביעות שימוש לעולם. ויש מתירין, ובמקום הצורך יעשה שאלת חכם.

**מט.** סימן שלו סעיף ג ועיין במשנ"ב (סקכ"ה) שמצדד לומר דאף לילך במהירות בעשבים גדולים אסור משום פסיק רישא שיתלש בודאי, ועיין בביאור הלכה שם.

**נ.** המג"א (סימן שיב סק"ו) והט"ז (סימן שלו סק"ד) ס"ל דיש איסור מוקצה במחובר לקרקע, וכן נקטו לדינא הפרמ"ג והשו"ע הרב, ולפי"ז אין לישב ע"ג עשבים, דעל כרחך יטלטל העשבים, אמנם הנוהגין היתר בזה יש להן על מי לסמוך (עיין במשנ"ב סימן שיב סקי"ז וסותר א"ע בסימן שח). וי"ל עוד טעם להיתר, דיש מי שאומרים דלא הוי מוקצה דראוי למאכל בהמה, ואשר לפי"ז ליכא איסור בטלטול עשבים, ולהידור ליתן אלונטית ולישב עליה.

**נא.** דע"כ ישפכו על העשבים ויעבור על איסור זורע (סימן שלו סעיף ג).

בְּלייבְּט אַ שְׁמוּצִיגֶע צֵייכְן, אָבֶּער אוֹיבּ דִי בְּלָאטֶע אִיז שׁוֹין אוֹיסְגֶעטְרוּקֶענְט דַאן טָאר מֶען דָאס נִישְׁט אָפְּוִוישְׁן.[נב]

## תְּחוּמִין

**א.** מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ גֵיין נָאךְ דִי תְּחוּם, זֶעה שְׁפֶּעטֶער דִי שִׁיעוּר פוּן אַ תְּחוּם, בֵּיי ׳טַבְלָא לְשִׁעוּרִים׳.

**ב.** עֶס אִיז דָא אַ וִויכְטִיגֶע הַלָכָה בְּעִנְיָן תְּחוּם שַׁבָּת: אַ מֶענְטְשׁ וָואס פַארמָאגְט אַ חֵפֶץ אִין אַ פְּלַאץ, אוּן עֶר גֵייט אַוֶועק פוּן יֶענֶער פְּלַאץ וַוייטֶער וִוי אַ תְּחוּם שַׁבָּת, דַאן אִיז אָסוּר פַאר אַ צְוֵוייטֶע אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען דֶער חֵפֶץ פוּן דִי צִימֶער וואוּ עֶס גֶעפִינְט זִיךְ. צוּם בֵּיישְׁפִּיל וֶוען אֵיינֶער לָאזְט אִיבֶּער אַ סֵפֶר אָדֶער אַ מְעִיל אִין אַ הָאטֶעל א.ד.ג. טָאר מֶען דָאס נִישְׁט אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דֶער צִימֶער, וַוייל דֶער בַּעַל הַבַּיִת אִיז יֶעצְט נִישְׁט אִין דֶער תְּחוּם.

**ג.** אוֹיבּ דֶער בַּעַל הַבַּיִת הָאט גֶעגֶעבְּן רְשׁוּת, מֶעג מֶען דָאס יָא נוּצְן.

## טְבִילָה בְּשַׁבָּת

**זִיךְ טוֹבְלְ׳ן אִין אַ טֵייךְ אוֹיף שַׁבָּת, קֶען זַיין פַארְשִׁידֶענֶע שְׁאֵלוֹת אוּן חֲשָׁשׁוֹת, דֶערִיבֶּער דִי וָואס וִוילְן זִיךְ טוֹבְלְ׳ן אִין אַ טֵייךְ אָדֶער אִין אַ יַם אוּם שַׁבָּת, דַארְפְן זַיין זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט אוּן אַכטוּנג גֶעבְּן אַז מֶען זָאל חָלִילָה נִישְׁט עוֹבֵר זַיין אוֹיף אַן אִסוּר שַׁבָּת, אוּן מֶען זָאל נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ יָצָא שְׂכָרוֹ בְּהֶפְסֵדוֹ.**

**א.** מֶען זָאל אוֹיסְטוּן דִי קְלֵיידֶער בֵּיים בְּרֶעג וַואסֶער, אוּן מֶען זָאל הָאבְּן גְרֵייט אַ

**נב.** אם הטיט יבש אסור ליטלו משום איסור טוחן כמבואר בסימן שב סעיף ו, אמנם בטיט לח ל״ש טוחן ומותר ליטלון משם, אולם אין לשפשף המקום המלוכלך דדמי למלבן, (ועיין במ״ב שם דדוקא היכא שאחר השפשוף נשאר רושם הלכלוך אז אסור משום דדמי למלבן, אבל אם לא נשאר לכלוך כלל חייב משום מלבן, והיוצא מזה נפק״מ דאם נשאר רושם מותר לאחוז מבפנים הבגד ולשפשו, והיכא דלא נשאר רושם אסור אפילו מבפנים.

הַאנְטוּךְ, אַז וִוי נָאר מְ׳קוּמְט אַרוֹיס פוּנֶעם וַואסֶער זָאל מֶען זִיךְ קֶענֶען גְלֵייךְ גוּט אָפְּווישְׁן, אַז עֶס זָאל נִישְׁט בְּלַייבְּן קֵיין שׁוּם וַואסֶער אוֹיפְן קֶערְפֶּער, וְוִיבַּאלְד מֶען טָאר נִישְׁט טְרָאגְן אִין אַ כַּרְמְלִית.

**ב.** וֶוען מֶען אִיז אִין דִי וַואסֶער זָאל מֶען זִיךְ טוּבְלְ׳ן אִין גְלֵייךְ אַרוֹיס קוּמֶען, אוּן נִישְׁט גֵיין אִין דִי וַואסֶער מֶער וִוי ד׳ אַמּוֹת.

**ג.** אוֹיבּ עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ צוּ טוּבְלְ׳ן אָנְפַאנְג טַייךְ, אוּן מֶען דַארְף אַרֵיין גֵיין אַבִּיסְל טִיף אִינֶעם טַייךְ זִיךְ צוּ קֶענֶען טוּבְלְ׳ן, זָאל מֶען גֵיין קְלֵיינֶע טְרִיט, פָּחוֹת פָּחוֹת מד׳ אַמּוֹת.[נג]

**ד.** לְכַתְחִלָּה זָאל מֶען נִישְׁט אָנְטוּן אַ שְׁווים-הוֹיזְן וֶוען מֶען גֵייט אִין דִי וַואסֶער, מֶען קֶען אָבֶּער אָנְטוּן אַ מְעִיל - פְּלֶעסְטִיק מַאנְטְל וָואס אִין דֶעם אִיז נִישְׁטָא קֵיין חֲשַׁשׁ סְחִיטָה אוּן הוֹצָאָה אֲפִלּוּ עֶס וֶוערְט נַאס.[נד]

**ה.** מֶען טָאר נִישְׁט שְׁווימֶען אִין וַואסֶער אוֹיף שַׁבָּת.[נה]

**ו.** וֶוען מֶען קוּמְט אַרוֹיס פוּן דִי וַואסֶער, זָאל מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז עֶס זָאל נִישְׁט אַרָאפּ טְרָאפְּן וַואסֶער אוֹיף דִי גְרָאז. עֶס אִיז רַאטְזַאם צוּ אוֹיסְשְׁפְּרֵייטְן אַ הַאנְטוּךְ אוֹיף דִי עֶרְד אֵיידֶער מְ׳גֵייט אַרֵיין אִין דִי וַואסֶער.[נו]

**ז.** נָאכְדֶעם וָואס דֶער קֶערְפֶּער אִיז שׁוֹין אוֹיסְגֶעטְרוּקְנְט, טָאר מֶען נִישְׁט

---

**נג.** דבנהר ובים גופא דינו ככרמלית ואסור לילך יותר מד׳ אמות כדאיתא בסימן שכז סעיף ז׳ ובמשנ״ב שם.

ואם צריך לילך יותר מד׳ אמות עד שיבוא למקום עמוק כדי שיכול לטבול שם, התהלה לדוד (שם) מתיר לילך פחות פחות מד׳ אמות.

**נד.** ואם רוצה יכול להסירו כשהוא במים. ואם יש לו רק שווים הויזן, יזהר מאוד כשנוטלה מגופו, להסירה כלאחר יד, ושלא לסחוט את המכנסים.

**נה.** סימן שלט סעיף א גזירה שמא יעשה חבית של שייטין, וגם בבריכה אסור לשוט, משום גזירת הראשונים מפני סחיטה והוצאה עיין בסימן שכו, ואף דבבריכה יש לה דפנות, אפ״ה אסור.

**נו.** בדעת תורה (סימן שלו סעיף ג) כתב דבאילנות יניקתן עד טו אמות, ולפ״ד נמצא דאפילו אם אין שם עשבים כל שיש אילנות עד טו אמות צריך ליזהר שלא יפלו המים מעליו ע״ג הקרקע, עיי״ש.

אויסשְׁפְּרֵייטְן די הַאנְטוּךְ, אויסֶער אויף אַ פְּלַאץ וָואס דֶער שְׁטֵייגֶער אִיז אַז מ׳לֵייגְט דָארְטְן די הַאנְטוּכֶער.[נז]

**ח.** אַ קְלֵיינֶע הַאנְטוּךְ זָאל מֶען אַרוּם ווִיקְלְן אַרוּם די הַאלְדְז אַזוֹי ווִי אַ שַׁאל און אַזוֹי קֶען מֶען עֶס טְרָאגְן.[נח] אַ גְרוֹיסֶע הַאנְטוּךְ, זָאל מֶען לֵייגְן אויף די פְּלֵייצֶע אַזוֹי ווִי אַ טַלִית.[נט]

## לְהָסִיר מִכְשׁוֹל

ווֶען מֶען פָארְט אַרוֹיס, לִיגְט אַ גְרוֹיסֶע אַחֲרָיוּת אויף די עֶלְטֶערְן און מְחַנְּכִים, צוּ זַיין פָארְזִיכְטִיג און אָפְּהִיטְן די קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט קוּמֶען אִין בַּארִירוּנְג מִיט קֵיין שׁוּם כֵּלִים, קָאמְפְּיוּטֶער, סְמַארְטְפוֹן׳ס, און אַלֶע שֶׁעדְלִיכֶע מַאשִׁינֶען. יֶעדֶע שְׁטִיק צֵייט קוּמֶען אַפִּיר נַייעֶ מַאשִׁינֶען און כֵּלִים וְכֵלִים שׁוֹנִים, די טֶעכְנֶעלָאגִישֶׁע ווֶעלְט הַאלְט זִיךְ אִין אֵיין טוּישְׁן און ווֶערְן קְלוּגֶער פוּן טָאג צוּ טָאג, און מֶען דַארְף אויסְהֶערְן און פָאלְגְן די הוֹרָאוֹת וָואס די עֶרְפַארֶענֶע מֻמְחִים און רַבָּנִים בַּאפֶעלְן, און זִיכֶער מַאכְן אַז די קִינְדֶער הָאבְן נִישְׁט קֵיין צוּטְרִיט צוּ אַלֶע די שֶׁעדְלִיכֶע כֵּלִים.

**א.** עֶס אִיז ווִיכְטִיג צוּ בֶּעטְן דֶער גוֹי׳אִישֶׁע אֵיינְגֶעטוּמֶער צוּ אַוֶועק פַּאקְן אַלֶע זַיינֶע כֵּלִים און בִּיכֶער אֵיידֶער מֶען קוּמְט דָארְט אָן. אוֹיבּ דֶער גוֹי הָאט דָאס נִישְׁט אַוֶועק גֶעפַּאקְט, דַארְפְ׳ן די עֶלְטֶערְן זִיכֶער מַאכְן עֶס אַוֶועק צוּ פַּאקְן אִין אַ גוּטֶע פְּלַאץ, כְּדֵי די קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט קֶענֶען הָאבְן צוּטְרִיט צוּ דֶעם.

**ב.** אִין אַסַאךְ פְּלֶעצֶער לָאזְן די אֵייגֶענְטוּמֶער אָפְּן WIFI מֶען דַארְף זֵיי בֶּעטְן צוּ דָאס פַארְמַאכְן מִיט אַ פַּאסְווֹרְ״ד.

---

**נז.** סימן שא סעיף מה, מפני מראית עין שיאמרו שכיבסן בשבת, וגם בחדרי חדרים אסור, וכדאי ליזהר דין מן הדרך לשטוח האלונטית על ספסל, ולכן אסור לשטוח כה״ג.

**נח.** עיין בשו״ת מהרש״ג (ח״ב סמ״ח) ובמנחת אלעזר שמתירין לכרוך האלונטית על צווארו כמו צעיף, ודלא כהלבושי מרדכי (ח״ד סימן מא) שסבר דזה דרך לבישה.

**נט.** יכסה רוב גופו אבל לא יקפילנה עיין בשו״ע הרב סימן שא ועמש״כ בשו״ע סי״ד ובמ״ב ובשעה״צ ס״ק נז דאי״צ. והיכא שנעשעה רטוב כדרך של אלונטית קטן, דעת הבאר משה דאין להוציאו ע״י לבישה, לפי שאין דרך ללבוש אלונטית רטוב.

ג. מֶען דַארְף זִיכֶער מַאכְן אַז אַלֶע טֶעלֶעפָאנֶען און רִיקָארְדֶע׳ס און קֶעמְרַא׳ס זָאלְן נִישְׁט הָאבְן דֶערוֹיף קֵיין SD קַארְטֶלֶעךְ און WIFI.

ד. וֶוען מֶען פְּלַאנְט אוֹיסְפְלוּגְן פַאר דִי מִשְׁפָּחָה דַארְף מֶען זִיכֶער מַאכְן און זִיךְ נָאכְפְרֶעגְן פון פָארְאוֹיס אַז דִי פְּלֶעצֶער זֶענֶען אוֹיסְגֶעהַאלְטְן עַל פִּי תּוֹרָה און עֶס טוּט זִיךְ נִישְׁט דָארְט גֶעפִינֶען קֵיין שׁוּם שֶׁעדְלִיכֶע רְאִיּוֹת, אִינְפָארְמַאצְיָא א.ד.ג. דָאס דַארְף מֶען אוֹיךְ אִינְזִין הָאבְן אֲפִילוּ נָאר וֶוען מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ אָפּ אִינְמִיטְן וֶועג בֵּיי אַ service station און אַוַדַאי אִין אַ לוּפְטְפֶעלְד אָדֶער אַ בַּאן סְטַאנְצְיֶע.

ה. מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין צוּ אַזֶעלְכֶע אוֹיסְפְלוּגְן און פְּלֶעצֶער וואו עֶס שְׁפִּילְט גוֹי׳אִישֶׁע מוּזִיק, דָאס טוּט גָאר שְׁטַארְק שֶׁעדִיגְן דִי רוּחְנִיּוֹת פון דִי קִינְדֶער.

ו. עֶס זֶענֶען דָא הַיינְט אַסַאך שְׁפִּיל פְּלֶעצֶער אָדֶער מֶעזוּאִימְ׳ס וֶועלְכֶע טוּעֶן וַוייזְן ווִידְיָא׳ס, אֲפִילוּ אַזֶעלְכֶע וועלְכֶע זֶענֶען אָפְּצִיעֶל גֶעאֵייגְנְט פַאר קִינְדֶער. דִי ווִידְיָא׳ס טוּעֶן גֶעוֶוענְלִיךְ אַנְטְהַאלְטְן אוּמְפַּאסִיגֶע מַאטְרִיאַל, און מֶען דַארְף זַיין גֶעוָוארְנְט אוֹיף זִיךְ און אַוַדַאי פַאר דִי קִינְדֶער נִישְׁט צוּ קוּקְן דֶערוֹיף.

ז. מֶען זָאל נָאכְקוּקְן וואו דִי קִינְדֶער גֵייעֶן אִין יֶעדֶע צֵייט און אִין יֶעדְן פְּלַאץ, בִּפְרַט וֶוען זֵיי פָארְן אַרוּם מִיט בִּיצִיקְלֶעךְ, אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ פְּלֶעצֶער פון פְּרִיצוּת, סְפֶּעצִיעֶל נֶעבְן דִי יַמִּים און פַּארְק׳ס.

ח. מֶען דַארְף זַיין שְׁטַארְק גֶעוָוארְנְט וֶוען מֶען גִיבְּט מָאבֵּייל׳ס פַאר קִינְדֶער אָדֶער בַּחוּרִים, אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט קֶענֶען אוֹיף קֵיין שׁוּם אוֹפְן בַּאהֶעפְטְן דִי טֶעלֶעפָאן צוּ אִינְטֶערְנֶעט. מֶען זָאל זִיכֶער מַאכְן מִיט ׳טֶעג׳ אַז דִי מָאבֵּייל אִיז טַאקֶע גֶענְצְלִיךְ כָּשֵׁר און אוֹיסְגֶעהַאלְטְן צוּ נוּצְן.

# טַבְלָא לְשִׁעוּרִים

## תְּפִלַּת הַדֶּרֶךְ

**שִׁיעוּר פַּרְסָה - ד' מִיל:**

חזו"א - 4608 מֶעטֶער - 2.9 מֵייל.

הגר"ח נאה - 3840 מֶעטֶער - 2.4 מֵייל.

**מַהֲלַךְ פַּרְסָה - ד' מִיל - 72 מִינוּט.**

## מְזוֹנוֹת בְּרוֹיט

| שִׁיעוּר פוּן אֵיין בֵּיצָה: | נפח [א] | משקל |
|---|---|---|
| חזו"א | 95.3 קְיוּבִּיק ס"מ | 95.25 גְּרַאם |
| הגר"ח נאה | 57.6 קְיוּבִּיק ס"מ. | 55 גְּרַאם |

**איין שטיקל מזונות ברויט איז בערך 50-35 גרם.**

**איין רֹאָ"ל איז בערך 100 - 90 גרם.**

---

**א.** כמעט כל שיעורי התורה הם שיעורי נפח ולא שיעורי משקל. ושיעור כזית ושיעור כביצה הם ביסודם שיעורי נפח, וכפי שכתב הרמב"ם לגבי שיעור כביצה לענין חלה: "כגוף הביצה הבינונית, לא כמשקלה" (הלכות חמץ ומצה הי"ב). אמנם, פוסקים רבים [עיין בשו"ת שבט הלוי ח"ו סימן ס, ובספר כוס של אליהו מהגרפ"א פאלק זצ"ל בירורים סימן יט] מעדיפים לשער לגבי קביעות סעודה במשקל ולא בנפח, והטעם דבשביעה תליא במשקל הקמח והנטפל אליו, משא"כ בשאר דברים הצריכים כביצה וכזית הולכים אחר שיעור האכילה בפועל.

## עירוב תחומין

**מיל - 2000 אמות:**

חזו"א - 1152 מעטער - 3779 פיס

הגר"ח נאה - 960 מעטער - 3149 פיס

**מהלך מיל - 2000 אמות - 18 מינוט**

# מאמרי חיזוק
# וואס זענען נוגע
# אין די טעג

# מאמרי חיזוק וואס זענען נוגע אין די טעג

אין די טֶעג וָואס מ'רוּהְט זִיךְ אָפּ, אוּן מ'גֵייט אַרוֹיס שְׁפַּאצִירְן אוֹיף דִי וֶועגְן אוּן שְׁטֶעגְן, דַארְף מֶען זִיךְ עֶקְסְטֶער מְחַזֵּק זַיין אִין לִמּוּד הַתּוֹרָה, דֶערִיבֶּער בְּרֶענְגֶען מִיר צוּ מִפִּי סְפָרִים וְסוֹפְרִים בְּנוֹגֵעַ דֶער וִויכְטִיגְקֵייט פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה שְׁטֶענְדִיג, אוּן נִישְׁט אַרוֹיס פַאלְן פוּן דִי קְבִיעוּתְ'דִיגֶע לִמּוּדִים אוּן סְדָרִים.

נָאךְ אַ עִנְיָן צוּ זַיין גֶעוָוארְנְט אִין דִי טֶעג וָואס מֶען גֵייט פַארְשִׁידֶענֶע אוֹיסְפְלוּגְן, צוּ פַּארְקְ'ס אוּן צוּם יַם וְכַדּוֹמֶה, אִיז, דִי גָאר הַאקֶעלֶע עִנְיָן פוּן שְׁמִירַת עֵינַיִם. מֶען דַארְף גָאר שְׁטַארְק אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף קֵיין שׁוּם זַאךְ וָואס דִי תּוֹרָה עֶרְלוֹיבְּט נִישְׁט, אוּן הַאלְטְן דִי אוֹיגְן רֵיין אוּן עֶרְלִיךְ. כְּדֵי זִיךְ צוּ מְחַזֵּק זַיין אִין דֶער וִויכְטִיגֶע עִנְיָן וֶועלְן מִיר צוּטִירְן עֶטְלִיכֶע עִנְיָנִים וָואס מִיר טְרֶעפְן אִין חֲזַ"ל אוּן אִין דִי סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים, וּבִבְחִינַת תֵּן לְחָכָם וְיֶחְכַּם עוֹד.

# אם תעזבנו יום יומים אעזבך

**כִּי הֵם חַיֵּינוּ**

**כִּי** הֵם חַיֵּינוּ וְאֹרֶךְ יָמֵינוּ, לֶערְנֶען תּוֹרָה הַאלְט דֶעם מֶענְטְשׁ בַּיים לֶעבְּן. עֶס אִיז דָא אָן אַ שִׁיעוּר פוּן פְּסוּקִים אוּן מַאֲמָרֵי חֲזַ"ל אִיבֶּער דֶער ווִיכְטִיגְקֵייט פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה, זִיךְ פְּלָאגְן אוּן הָארֶעוֶוען אִין תּוֹרָה, אָבֶּער דָאךְ זָאגְן אוּנְז חֲזַ"ל (ברכות לב:) אַז לִמּוּד הַתּוֹרָה אִיז אֵיינְס פוּן דִי זַאכְן וָואס מ'דַארְף זִיךְ נָאכְאַנַאנְד מְחַזֵּק זַיין; בִּפְרָט וֶוען דֶער נָארְמַאלֶע סֵדֶר אִיז אַבִּיסְל 'פַארְדְרֵייט' וֶוען מֶען גֵייט אַרוֹיס שְׁפַּאצִירְן אוּן מֶען אִיז פַארְנוּמֶען צוּ אוּנְטֶערְהַאלְטְן דִי קִינְדֶער, דֶעמָאלְטְס דַארְף מֶען זִיךְ זִיכֶער מְחַזֵּק זַיין אִין דֶער וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אִינֶעם לֶעבְּן וָואס דָאס אִיז: לִמּוּד הַתּוֹרָה.

**דֶער** חִידָ"א (ברכי יוסף יו"ד סימן רמו סעיף א) שְׁרֵייבְּט "לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג גְּמָרָא מִיט תּוֹסְפוֹת, אִיז גֶענוֹי דֶער זֶעלְבֶּע חִיּוּב ווִי לֵייגְן תְּפִלִּין יֶעדְן טָאג", פּוּנְקְט ווִי עֶס אִיז דָא אַ מִצְוַת עֲשֵׂה מִן הַתּוֹרָה צוּ לֵייגְן תְּפִלִּין יֶעדְן אֵיינְצִיגְן וָואכְן טָאג, אִיז דָא אַ חִיּוּב צוּ לֶערְנֶען גְּמָרָא רַשִׁ"י מִיט תּוֹסְפוֹת יֶעדְן טָאג.

**יֶעדֶע** בַּר דַּעַת פַארְשְׁטֵייט אַז עֶס וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן אוֹיב מֶען הָאט אֵיין

טָאג אָן תְּפִלִּין פַאר עֶטְלִיכֶע שָׁעָה'ן, צוּ פַּטֶר'ן אַז מֶען זָאל נִישְׁט דַארְפְן נָאכְאַמָאל לֵייגְן דֶער קוּמֶענְדִיגֶע טָאג, ווייל יֶעדֶער טָאג אִיז פַארְהַאן אַ נֵייעֶ חִיּוּב מִן הַתּוֹרָה צוּ לֵייגְן תְּפִלִּין, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט לֵייגְן אֵיין טָאג מֶער שָׁעוֹת תְּפִלִּין כְּדֵי צוּ פַּטֶר'ן דֶער צְווֵייטֶע טָאג, אַזוֹי אוֹיךְ לִיגְט אַ פְּלִיכְט אוֹיף יֶעדֶער אִיד צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, גְּמָרָא רַשִׁ"י מִיט תּוֹסְפוֹת. אַ בְּלַאט גְּמָרָא אִיז דָאךְ דֶער בְּרוֹיט, דֶער עִיקָר טֵייל פוּן לֶערְנֶען אִיז דִי תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, מֶען קֶען נִישְׁט עֶסְן אַ צוּשְׁפֵּייז אָן קֵיין בְּרוֹיט, אוּן אוֹיב יָא הָאט עֶס נִישְׁט קֵיין טַעַם...

## ווען מֶען לָאזְט אָפּ דִי תּוֹרָה...

**עֶס** שְׁטֵייט אִין סִפְרִי (פרשת האזינו לב ב) "בֹּא וּנְפַשְׁפֵּשׁ בַּהֲלָכוֹת בִּשְׁבִיל שֶׁלֹּא יַעֲלוּ חֲלוּדָה" לֶערְן אוּן הֶער נִישְׁט אוֹיף צוּ לֶערְנֶען כְּדֵי דִי תּוֹרָה זָאל נִישְׁט ווערְן פַארְהַארְטֶעוֶועט.

"**ווען** מֶען לָאזְט אָפּ דִי תּוֹרָה פַאר אֵיין טָאג, דַאן פַארְלָאזְט מֶען דִי תּוֹרָה אִינְגַאנְצְן" אַזוֹי זָאגְן אוּנְז חֲזַ"ל (רַשִׁ"י פָּרָשַׁת עֵקֶב בְּשֵׁם סִפְרִי) **אִם תַּעַזְבֵנִי יוֹם יוֹמַיִם אֶעֶזְבֶךָּ** אוֹיב דוּ וֶועסְט אָפְּלָאזְן דִי תּוֹרָה פַאר אַ טָאג, וֶועסְטוּ בְּלֵייבְּן אָפְּגֶעקֶערְט פוּן אִיר פַאר מֶערֶער טֶעג.

**ווען** מֶען שֵׁיידְט זִיךְ אָפּ פוּנֶעם הֵיילִיגְן תּוֹרָה, אֲפִלּוּ פַאר אַ קוּרְצֶע ווייל'ע אִיז גָאר בִּיטֶער! דָאס בְּרֶענְגְט צוּ אַז ווען מֶען וויל צוּרִיק גֵיין צוּם גְּמָרָא, קוּמְט עֶס אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער. תּוֹרָה אִיז דִי לֶעבְּן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אוּן מֶען קֶען נִישְׁט לֵייגְן דִי תּוֹרָה אוֹיף פָּאזֶע...

**פַארְווָאס** טַאקֶע, אִיז דֶער כְּלָל אַזוֹי אַז "אִם תַּעַזְבֵנִי יוֹם יוֹמַיִם אֶעֶזְבֶךָּ" אַז אֵיינְמָאל מֶען לָאזְט אָפּ דִי תּוֹרָה פַאר אֵיין טָאג, דַאן בְּלֵייבְּט מֶען אָפְּגֶעקֶערְט פַאר מֶערֶערֶע טֶעג?

**עֶס** אִיז פַאר קֵיינֶעם נִישְׁט קֵיין סוֹד אַז זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל קוּמְט דִי לֶערְנֶען אָן שְׁוֶוער, מֶען דַארְף זִיךְ שְׁלָאגְן מִיטְן יֵצֶר הָרַע, אַסַאךְ מָאל הָאט מֶען נִישְׁט אַזַא גֶעשְׁמַאק אוּן חֵשֶׁק, מֶען אִיז פַארְמַאטֶערְט אוּן אוֹיסְגֶעלַאשְׁן, בִּיז מֶען זִיצְט זִיךְ אַוֶועק מִיט אַ גְּמָרָא, אוּן בִּיז מְ'הֵייבְּט אָן צוּ לֶערְנֶען קֶען צוּמָאל דֶעם שְׁלֶעכְטֶע יֵצֶר פַּיינִיגְן אוּן שְׁטֶערְן, אוּן מֶען דַארְף הָאבְּן שְׁטַארְקֶע כּוֹחוֹת אִים צוּ בַּייקוּמֶען אוּן טוּן דֶער רִיכְטִיגֶע מְהַלֵּךְ אוּן פָּשׁוּט אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען, אַזוֹי אַרוּם הָאבְּן אוּנְז אַ הַבְטָחָה פוּן חֲזַ"ל אַז דִי תּוֹרָה ווֶעט זִיס ווערְן.

**אֵיינְמָאל** מֶען דֶערְגְרֵייכְט דֶעם צִיל אוּן מֶען זִיצְט זִיךְ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, בַּאקוּמְט מֶען אַ חֵשֶׁק אוּן אַ גֶעשְׁמַאק צוּ זִיצְן אוּן לֶערְנֶען, אוּן מְ'ווֶערְט בַּאהָאפְטְן צוּם תּוֹרָה, אָבֶּער אֵיינְמָאל מֶען לָאזְט אָפּ דִי תּוֹרָה, אֲפִלּוּ פַאר אֵיין טָאג, דֶעמָאלְטְס פַארְלִירְט מֶען דֶער גֶעשְׁמַאק אוּן דֶער חֵשֶׁק, אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ צַאמְנֶעמֶען דִי כּוֹחוֹת אוּן זִיךְ ווִידֶער זֶעצְן לֶערְנֶען.

**דֶערְפַאר** דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר גֶעווָארְנְט אִין אַזַא זְמַן ווען מֶען אִיז אוֹיף ווַאקַאנְץ אוּן נִישְׁט אִין דִי גֶעווֶעוְנְלִיכֶע סְבִיבָה אוּן סֵדֶר הַיּוֹם, אַז מֶען זָאל ח"ו נִישְׁט אָפְּלָאזְן דָאס לֶערְנֶען אֲפִלּוּ נָאר אוֹיף אֵיין טָאג, ווייל דִי שְׁוֶועריגְקֵייטְן אוּן

שְׁטְרוֹיכְלוּנְגֶען וָואס דִי יֵצֶר הָרַע וֶועט אִינְטֶערְלֵייגְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט צוּרוּק אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען, זֶענֶען גָאר גְרוֹיס אוּן בִּיטֶער!

## קְבִיעוּת עִתִּים

**יֶעדֶער** מַאן אִיז מְחֻיָּב צוּ הָאבְּן טֶעגְלִיךְ אַ קְבִיעוּת אִין אַ שִׁיעוּר. צִי מִיט אַ חַבְרוּתָא אָדֶער אַלֵיין, אָבֶּער דֶער עִיקָר אִיז אַז מֶען זָאל נִישְׁט אוֹיסְלָאזְן קֵיין אֵיין טָאג פוּן לִמּוּד הַתּוֹרָה.

**דִי** מִשְׁנָה (אבות פרק א משנה טו) זָאגְט "עֲשֵׂה תוֹרָתְךָ קֶבַע" דִי רִאשׁוֹנִים עֶרְקְלֶערְן דֶער בַּאדֵייט דֶערְפוּן, אַז מֶען דַארְף הָאבְּן אַ בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט יֶעדְן טָאג אֵיינִיג, דֶער גֶענוֹיעֶ זֶעלְבֶּע צַייט יֶעדְן אֵיינְצִיג טָאג. קְבִיעוּת עִתִּים אִיז אַ חוֹב אִין אַ פְלִיכְט מֵעִקַּר הֲלָכָה, וָואס מֶען גֵייט מִשְׁפְּטְ'ן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, ווִי דִי גְמָרָא (שבת ל) רֶעכְנְט אוֹיס אַלְס אֵיינֶע פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע פְרַאגֶעס וָואס דִי בֵּית דִּין שֶׁל מַעְלָה טוּט פְרֶעגְן וֶוען מֶען קוּמְט אַרוֹיף, קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה? הָאסְטוּ בַּאשְׁטִימְט אַ צַייט צוּ לֶערְנֶען?!

**אוּן** דָאס אִיז אַ פְלִיכְט אֲפִלּוּ פַאר אַ תַּלְמִיד חָכָם וָואס לִיגְט אִין לֶערְנֶען, דַארְף עֶר אָבֶּער בַּאשְׁטִימֶען אַ גֶעווִיסֶע צַייט אִין טָאג וָואס עֶר זִיצְט אוּן לֶערְנְט.

**הָאלִידֶעי"ס** וָואס דִי עוֹלָם גֵייט אוֹיסְפְלִיגְן מִיט דִי פַאמִילְיֶע, אוּן מֶען פַארְבְּרֶענְגְט דִי צַייט מִיט גוּטֶע אוּנְטֶערְהַאלְטוּנְג, דַארְף מֶען זִיכֶער מַאכְן צוּ אַוֶועק לֵייגְן אַ בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט פַאר יֶעדְן טָאג צוּ זִיצְן אוּן לֶערְנֶען.

**דֶער** ווִילְנָא גָאוֹן זי"ע טַייטְשְׁ דֶער פָּסוּק (תהילים עה ג) **כִּי אֶקַּח מוֹעֵד אֲנִי מֵישָׁרִים אֶשְׁפֹּט** וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ תֵּרוּץ נִישְׁט צוּ לֶערְנֶען וֵוייל עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין צַייט, וֶוען עֶס קוּמְט אַ צַייט וָואס עֶר אִיז נִישְׁט פַארְנוּמֶען, דֶעמָאלְטְס וֶוערְט נִתְבָּרֵר אַז בֶּאֱמֶת ווִיל עֶר לֶערְנֶען, אֲנִי מֵישָׁרִים אֶשְׁפּוֹט, דֶעמָאלְטְס וֶועל אִיךְ אִים טַאקֶע מִשְׁפְּטְ'ן אוּן לוֹיט דֶעם זֶען צוּ עֶר ווִיל טַאקֶע לֶערְנֶען.

## גוּטֶע חֲבֵרִים

**ווֶוען** מֶען גֶעפוּנְט זִיךְ אִין שְׁטָאט, הָאט מֶען דֶער זְכִיָּה צוּ קֶענֶען שִׁיקְן דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר אוּן דֶערְמִיט שְׁטֶעלְט מֶען דֶער מְלַמֵּד אַ שָׁלִיחַ צוּ אוֹיסְלֶערְנֶען תּוֹרָה פַאר דִי קִינְדֶער, אָבֶּער וֶוען עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין מְלַמֵּד, דֶעמָאלְטְס פַאלְט צוּרִיק אַרוֹיף דֶער פְלִיכְט אוֹיף יֶעדֶע טַאטֶע צוּ לֶערְנֶען מִיט זַיינֶע קִינְדֶער יֶעדְן אֵיינְצִיגְן טָאג, אוּן זֶען אַז דִי לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶערְלִיךְ זָאלְן שְׁטֵייגְן אוּן ווַייטֶער לֶערְנֶען, אוּן נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן גֵיין לֵיידִיג אוּן קַאלְיֶע וֶוערְן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (עקב יא יט) וְלִמַּדְתֶּם אֹתָם אֶת בְּנֵיכֶם.

**אַזוֹי** אוֹיךְ קֶען מֶען פַארְדִינֶען אִין דִי טֶעג צוּ אָנְקְנִיפֶּען אַ קֶשֶׁר מִיט אַ קִינְד, אוּן מַשְׁפִּיעַ זַיין מֶער אוֹיף אִים, אוּן דוּרְךְ דֶעם אַרֵיין לֵייגְן מִדּוֹת טוֹבוֹת אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, מִיט דֶעם וָואס מֶען אִיז מַחְשִׁיב אוּן מֶען ווַייזְט אַרוֹיס פַאר דִי קִינְדֶער דִי שִׂמְחַת הַתּוֹרָה, וֶוערְט אַרֵיין גֶעוָוארְצֶעלְט אִין זֵייעֶר יוּנְגֶער מוֹחוֹת, אַז דֶער עִיקָר שִׂמְחָה אוּן חֵשֶׁק אִיז דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, דָאס אִיז ווִי אַ חוֹמָה בְּצוּרָה אַקֶעגְן אַלֶע שְׁוֶועריגְקֵייטְן

אוּן שְׁטֶערוּנְגֶען וָואס קֶען פַּאסִירְן, ווייל מִיט דֶעם וָואס מֶען אִיז מְחַשֵּׁיב דִי תּוֹרָה, וֶוערְן דִי קִינְדֶער נִישְׁט נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ אַלֶע זַאכְן וָואס שְׁלֶעפְּן אַוֶועק פוּן דִי תּוֹרָה.

**יֶעדֶע** בִּיסְל וָואס מֶען פַארבְּרֶענְגְט מִיט דִי קִינְדֶער, לוֹינְט זִיךְ נִישְׁט נָאר וֶוען מֶען לֶערְנְט מִיט זֵיי, נָאר אַפִילוּ שְׁפִּילְן אוּן שְׁפַּאצִירְן א.ד.ג. פַארשְׁטֶערְקֶערְט דִי קֶשֶׁר צְווִישְׁן דִי עֶלְטֶערְן מִיט קִינְד.

**דֶער** בַּעַל הַטוּרִים אוֹיפְן פָּסוּק (ויגש מד ל) **וְנַפְשׁוֹ קְשׁוּרָה בְנַפְשׁוֹ** וָואס יְהוּדָה הָאט גֶעזָאגְט פַאר יוֹסֵף אַז בִּנְיָמִין קֶען נִישְׁט פַארלָאזְן דִי טַאטֶע יַעֲקֹב, ווייל זַיין זֶעל אִיז אָנְגֶעבִּינְדֶען אִין זַיין טַאטֶע'ס זֶעל, שְׁטֶעלְט דֶער בַּעַל הַטוּרִים צוּ אַ פָּסוּק אִין מִשְׁלֵי (כב טו) אִוֶּלֶת קְשׁוּרָה בְלֶב נַעַר, וְוִי אַזוֹי אַרבֶּעט מֶען אוֹיס דִי אִוֶּלֶת – דִי נַאטוּרלִיכֶע שְׁלֶעכְטִסקֵייט וָואס יֶעדֶע קִינְד וֶוערְט גֶעבּוֹירְן דוּרךְ וְנַפְשׁוֹ קְשׁוּרָה בְנַפְשׁוֹ מִיט דֶעם וָואס בִּינְדְט אָן אַ טִיפֶע קֶשֶׁר מִיט יֶעדְן קִינְד.

### דִי כֹּחַ הַתּוֹרָה פוּן דִי קִינְדֶער

**עֶס** שְׁטֵייט אִין גְמָרָא (שבת קיט:) אַז יְרוּשָׁלַיִם אִיז נִישְׁט חָרוּב גֶעוָוארְן, נָאר ווִיבַּאלְד מֶען הָאט מְבַטֵּל גֶעוֶוען דִי תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן, דִי קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט גֶעזֶעצְן אוּן גֶעלֶערְנְט.

**דֶער** מַהַרְשָׁ"א עֶרְקְלֶערְט פַארְוָואס דִי לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶערְלִיךְ וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן "תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן", עֶר טַיְיטְשְׁ דִי פָּסוּק (ירמיה ו יא) וָואס דִי גְמָרָא בְּרֶענְגְט **שְׁפֹךְ עַל עוֹלָל בַּחוּץ** מֶען וֶועט מָאנֶען פוּן דִי קִינְדֶער אוֹיף דֶעם וָואס זֵיי דְרֵייעֶן זִיךְ אִין דִי גֶעסֶער אַנְשְׁטָאט אִין חֵדֶר **וְעַל סוֹד בַּחוּרִים יַחְדָּיו** אוּן אוֹיף דִי בַּחוּרִים וֶועט אויך זַיין א טענה, אוֹיף דֶעם וָואס זֵיי דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם אִין דִי גַאסְן אוּן זֵיי פַארבְּרֶענְגֶען דִי צֵייט אוּן שְׁמוּעְסְן אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן **כִּי גַם אִישׁ עִם אִשָּׁה יִלָּכֵדוּ** אוּן אוֹיף דִי עֶלְטֶערְן וֶועט מֶען מָאנֶען, פַאר דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אוֹיף זֵייעֶרֶע מַתָּנוֹת - דִי לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן זִיצְן אוּן לֶערְנֶען. [א]

**אִיצְט** וֶוען מֶען אִיז אוֹיף דַאטְשֶׁע, אִיז דֶער גֶעלֶעגְנְהֵייט וָואס דֶער טַאטֶע הָאט צוּ אַרֵיין בַּאקְן אִין דִי קִינְדֶער, אַז זֵיי זָאלְן ווִיסְן ווִי גְרוֹיס אוּן חָשׁוּב זֵייעֶר תּוֹרָה אִיז, אוּן אוֹיף זֵייעֶרֶע תּוֹרָה שְׁטֵייט דִי וֶועלְט, אוּן בִּזְכוּת זֵייעֶרֶע תּוֹרָה וֶוערְט דֶער גְאוּלָה נֶענְטֶער אוּן מִיט דֶעם וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָה הַשְׁלֵימָה בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

**א.** דער יטב לב טייטש אריין די פסוק (נצבים ל ו) את לבבך ואת לבב **זרעך לאהבה** דער וועג ווי אזוי טאטע קען משפיע זיין אויף א קינד איז דורך ליבשאפט, נאר אזוי קען מען איבער געבן די ריכטיגע חינוך.

**איצט אין בין הזמנים, ווען דער טאטע האט מער צייט צו זיך אפגעבן מיט די קינדער, ברענגען מיר צו עטליכע שטריכן פון ירושלימ'ער רב מרן הגה"ק רבי יצחק טוביה ווייס זצ"ל**

**שמעתי** בשנת תש"ו מפי הגה"צ רבי יונתן שטייף זצ"ל בעת שבתו בלונדון כשדרש בביהמ"ד תורה עץ חיים אמר לבאר בדרך דרוש, יכול מראש חודש ת"ל ביום ההוא וכו', היינו דס"ד שאפשר להשריש האמונה בלב הבנים ע"י שנראה להם שמש וירח ונלמדם חכמת מוליד הלבנה והילוך הכוכבים והמזלות, מזה יבואו להכיר מעשי ה' ונפלאותיו, וישיגו אמונה טהורה ויראת"ש, וזהו 'יכול מראש חודש' שע"י חידוש הלבנה וכיוצא אפשר ליטע בהם האמונה, ת"ל ביום ההוא וכו' 'בשעה שיש מצה ומרור מונחים לפניך' כלומר דוקא ע"י קיום המצות וטרחותיהם ודקדוקיהם, מזה באים לאמונה ולקירבת ה', כאשר הבנים רואים שהאב מקיים מצות ה' בפועל, ורואים דרכיו התמימים והנהגתו הישרה, זה משפיע על ליבם לטובה ומכניס בהם האמונה ויראת"ש.

**כעין** זה שמעתי ממו"ר הגרא"א דסלר זצ"ל, ודברת בם בשבתך בביתך, שעצם הישיבה בביתך יהיה כאילו אתה מדבר בדברי תורה, שבהתנהגתך תהיה לדוגמא לבניך ויהיה אצלם כאילו אתה מדבר דברי תורה ומוסר

(שערי טוביה פרשת בא)

# שמירת עיניים

## דִי סַכָּנָה פוּן אַ נִישְׁט גוּטֶע בְּלִיק

**זֶעען** אַ בְּלִיק וָואס טוֹיגְט נִישְׁט אִיז אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע סַכָּנָה פַאר דִי נֶפֶשׁ, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעהְט אַ זַאךְ וָואס טוֹיגְט נִישְׁט, דַאן קְרִיכְט דָאס אַרַיין אִינֶעוֵוייניג אִינֶעם מֹחַ און עֶס קֶען בְּלַייבְּן דָארְטְן אוֹיף לַאנְגֶע יָארְן, עֶס בְּלַייבְּט אַייְנְגֶעקְרִיצְט אִין דִי מֹחַ אוֹיף לְמַזְכֶּרֶת נֶצַח און יָארְן שְׁפֶּעטֶער קֶען עֶס שְׁטֶערְן און צוּרִיק קוּמֶען דֶעם זֶעלְבְּן רְאִיָּה, און עֶס קֶען חָלִילָה הָאבְּן אַ הַשְׁפָּעָה אוֹיף אַייבִּיג, אַזוֹי וִוי תּוֹסְפוֹת שְׁרַייבְּט (סוטה

דף ח.) **מֵאַחַר שֶׁרָאָה הָעֶרְוָה "פַּעַם אֶחָת" שׁוּב מְהַרְהֵר אַחֲרֶיהָ "לְעוֹלָם"**, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט עֶפֶּעס וָואס מְ'טָאר נִישְׁט, קֶען עֶר בְּלַייבְּן מִיט דֶער מַחֲשָׁבָה אוֹיף אַייבִּיג רח"ל.

## ס'קִילְט אָפּ דֶער רֶגֶשׁ דִקְדֻשָּׁה

**אוֹיסֶער** דֶעם עֶצֶם מְצִיאוּת אַז עֶס בְּלַייבְּט אַייְנְגֶעקְרִיצְט אִינֶעם מֹחַ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, און דָאס הָאט אַ הַשְׁפָּעָה אוֹיף דִי מֶענְטְשׁ, וֶוען דֶער שְׁלֶעכְטֶע רְאִיָּה קֶען

כְּסֵדֶר צוּרִיק קוּמֶען, קִילְט דָאס אוֹיךְ אָפּ אַלֶע אִידִישֶׁע הֶרְגֵּשִׁים וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט אִין זִיךְ פוּן קִינְדְוַוייז אָן.

**חֲזַ"ל** זָאגְן (סוטה ב.) **לָמָּה נִסְמְכָה פָּרָשַׁת נָזִיר לְפָרָשַׁת סוֹטָה? לוֹמַר לְךָ שֶׁכָּל הָרוֹאֶה סוֹטָה בְּקִלְקוּלָהּ יַזִּיר עַצְמוֹ מִן הַיַּיִן.** פַארְוָואס לֵייגְט דִי תּוֹרָה דִי פָּרָשָׁה פוּן נְזִירוּת גְלֵייךְ נָאךְ דִי פָּרָשָׁה פוּן סוֹטָה, ווִיבַּאלְד דִי תּוֹרָה וִויל מְרַמֵּז זֵיין דֶערְמִיט, אַז אוֹיבּ אֵיינֶער זֶעט ווִי מְ'בַּאשְׁטְרָאפְט אַ סוֹטָה אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, דַארְף עֶר בַּאלְד מְקַבֵּל זֵיין אוֹיף זִיךְ נְזִירוּת אוּן פְּרִישָׁה.

**עֶס** לִיגְט אִין דֶעם אַ מוֹרָאדִיגֶע לִמּוּד, ווִי ווַייט עֶס קֶען דֶעגְרֵייכְן אַ נִישְׁט גוּטֶע בְּלִיק, ווֶען אֵיינֶער זֶעהט אַ רְאִיָּה, אָדֶער הֶערְט אַ זַאךְ וָואס טוֹיגְט נִישְׁט, נֶעמְט דֶער בְּלִיק אִיבֶּער דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ גְלֵייךְ מְקַבֵּל זֵיין אַ קַבָּלָה אַז דָאס זָאל זִיךְ נִישְׁט אַרֵיין גֵּיין טִיף אִינֶעווֵייגִיג אִינְ'ם מֶענְטְשׁ.[ב]

**לִכְאוֹרָה** דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס אוֹיבּ אֵיינֶער זֶעהְט ווִי אַ סוֹטָה ווֶערְט גֶעשְׁטְרָאפְט, זָאל עֶר זִיךְ אָפְּשֵׁיידְן פוּן ווַיין? אַדְּרַבָּה עֶר זֶעהְט דָאךְ 'בְּקִלְקוּלָהּ' ווִי זִי ווֶערְט גֶעשְׁטְרָאפְט, דָאס אַלֵיין אַז עֶר זֶעט ווִי הַארְבּ יֶענֶע ווֶערְט בַּאשְׁטְרָאפְט, דָאס ווָאלְט דָאךְ גֶעזָאלְט מַאכְן אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען פוּן דֶעם, אוּן נִישְׁט ווֶעלְן צוּקוּמֶען צוּ אַזַא הַארְבֶּע עֹנֶשׁ, אִיז וָואס דַארְף עֶר אַ שְׁמִירָה אִין זִיךְ אָפְּשֵׁיידְן פוּן ווַיין?

**דֶער** תֵּרוּץ אִיז, סְ'אִיז טַאקֶע גֶעווֶען 'בְּקִלְקוּלָהּ', אָבֶער אֵיין מָאל מֶען הָאט דָאס צוּגֶעזֶען הָאט דָאס אִיבֶּער גֶעלָאזְט אַ שְׁלֶעכְטֶע רֹשֶׁם, אִין סְ'ווֶערְט אָפּ גֶעקִילְט דֶער פַּחַד צוּ אַן עֲבֵירָה, אֲפִלּוּ סְ'אִיז נָאר גֶעווֶען 'בְּקִלְקוּלָהּ', ווַייל אֵיין בְּלִיק גֵייט אַרֵיין טִיף אִינְ'ם מֶענְטְשְׁ'ס מֹחַ, אוּן עֶס ווֶערְט דָארְטְן אֵיינְגֶעקְרִיצְט, נִישְׁט קֵיין חִלּוּק צוּלִיב וָואס עֶר הָאט דָאס גֶעזֶען, דֶער עֶצֶם מְצִיאוּת פוּן זֶען אַ שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ, קִילְט אוֹיטָאמַאטִישׁ אָפּ דֶער מֶענְטְשׁ.

**אוּנְז** ווֶערְן בַּאשַׁאפְן מִיט אַן אֵיידֶעלֶע נְשָׁמָה וָואס דֶערְהֵייבְּט נִישְׁט קֵיין

---

**ב.** תוספות (תענית יא. ד"ה אמר שמואל) באטאנט אז כאטש די גמרא (נזיר כב.) רופט אן א נזיר א חוטא, דאס מיינט אז עס איז נישט קיין גוטע זאך צו זיך מקבל זיין נזירות, פארט שטייט אין גמרא אז מ'זאל זיך מקבל זיין נזירות אויב מ'זעט א סוטה, וויבאלד דער השפעה אויפן מענטש ווען ער זעהט זאכן וואס טויגן נישט, דאס קריכט אריין טיף אינעווייניג אינעם מענטש, דערפאר איז ענדערש אז מען זאל ווערן א נזיר אפלו חז"ל רופן אן אזא איינער א חוטא. און תוספות שטעלט דאס צו צו דער דין פון א תענית חלום, וואס די הלכה זאגט אז מ'מעג פאסטן אפלו אום שבת, אויב מ'זעהט א שרעקעדיגע חלום, כאטש וואס געווענליך דארף מען עסן אויף שבת, אבער ביי אזא פאל האט מען מתיר געווען, כדי דער חלום זאל נישט ווירקן אויפן מענטש.

מ'זעהט פון דעם ווי הארב דאס איז אפלו נאר איין בליק, און ווי טיף א בליק קען אריין גיין אין א מענטש, אז מען האט מתיר געווען זיך צו מקבל זיין נזירות און זיך אפשיידן, אז מען זאל נישט נאכאמאל צוקומען צו דעם.

רְאִיּוֹת אֲסוּרוֹת, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט זַאכְן וָואס מ'טָאר נִישְׁט, זָאל עֶר ווִיסְן אַז דָאס קִילְט אִים אָפּ זַיין אִידִישְׁע גֶעפִיל צוּבִּיסְלֶעךְ, ווִיפִיל מ'זֶעט זִיךְ אָן און מ'הֶערְט זַאכְן וָואס טוֹיגְן נִישְׁט ווערְט דָאס ווִי אַ בַּאקְוֶועמֶע זַאךְ חָלִילָה און דֶער גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט לֶעשְׁט זִיךְ לַיידֶער אוֹיס. מֶען שְׁפִּירְט שׁוֹין נִישְׁט קֵיין אֶמֶתְ'ע חַיּוּת, מֶען לֶעבְּט אִין אַ צְווַייטֶע פְּלַאנֶעט.

## אֶת שִׁקּוּצֵיהֶם וְאֵת גִּלֻּלֵיהֶם

**דער** בְּרִיסְקֶער רָב זצ"ל (רְשִׁימוֹת הַתַּלְמִידִים מִמָּרָן הגרי"ז פָּרָשַׁת נִצָּבִים), בְּרֶענְגְט אַ רְאָיָה צוּ דֶעם יְסוֹד, אַז דִי סַכָּנָה פוּן זֶעהְן אַ שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ, אִיז אֲפִילוּ וֶוען דִי זַאךְ וָואס מֶען זֶעט אִיז גָאר אַ זַאךְ וָואס נָארְמַאלֶערְהֵייט וָואלְט דָאס גֶעדַארְפְט פַארְעֶקְלֶען יֶעדְן אֵיינְצִיגְן מֶענְטְשׁ, דָאךְ, אֵיינְמָאל מֶען זֶעט אַ זַאךְ וָואס טוֹיגְט נִישְׁט, הָאט דָאס שׁוֹין אַ שְׁלֶעכְטֶע הַשְׁפָּעָה, און ס'קְרִיכְט אַרַיין טִיף אִין הַארְץ בִּיז ס'בַּקוּמְט אַ חֵן אִין דִי מֶענְטְשְׁס אוֹיגְן, אַפִּלּוּ בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה וֶוען עֶר זֶעט דָאס אִיז דֶער בְּלִיק שְׁטַארק פַארעֶקְלְט און פַארמִיאוּסְט, אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער וֶועט דָאס שׁוֹין בַּאקְוֶועם אִין זַיינֶע אוֹיגְן.

**פון** דֶעם וָואס מִיר זֶעהְן אִין פָּרָשַׁת נִצָּבִים (דברים כט) ווִי מֹשֶׁה רַבֵּנוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן, "אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט נָאךְ שְׁלֶעפְּן נָאךְ דִי אַלֶע עֲבוֹדָה זָרָה'ס, שְׁטֵייט דָארְט אִין פָּסוּק **וַתִּרְאוּ אֶת שִׁקּוּצֵיהֶם וְאֵת גִּלֻּלֵיהֶם עֵץ וָאֶבֶן כֶּסֶף וְזָהָב אֲשֶׁר עִמָּהֶם** - אִיר וֶועט זֶעהְן ווִי דִי פֶעלְקֶער דִינֶען עֲבוֹדָה זָרָה, **פֶּן יֵשׁ בָּכֶם אִישׁ אוֹ אִשָּׁה אוֹ מִשְׁפָּחָה אוֹ שֵׁבֶט אֲשֶׁר לְבָבוֹ פֹנֶה הַיּוֹם מֵעִם ה' אֱלֹקֵינוּ לָלֶכֶת לַעֲבֹד אֶת אֱלֹהֵי הַגּוֹיִם הָהֵם'** – צוּלִיבּ דֶעם דַארְף אִיךְ עֶנְק בַּאשְׁוֶוערְן, צוּ זֶעהְן צוּ עֶס אִיז נִישְׁט פַארְהַאן בֵּיי עֶנְק קֵיין מֶענְטְשְׁן וָואס זֵייעֶרֶע הֶערְצֶער נֵייגְן זִיךְ אַוֶועק פוּן השי"ת און זֵיי זֶענֶען צוּגֶעצוֹיגְן צוּ ע"ז רח"ל.

**רַשִׁ"י** אִיז מַסְבִּיר אַז **שִׁקּוּצֵיהֶם** מֵיינְט עֲבוֹדָה זָרָה, און דִי תּוֹרָה רוּפְט דָאס אָן **שִׁקּוּץ** ווַייל עֶס אִיז עֶקְלְדִיג אֲזוֹי ווִי שְׁקָצִים. און **גִּלּוּלֵיהֶם** מֵיינְט אוֹיךְ עֲבוֹדָה זָרָה, און דָאס ווערְט אֲזוֹי גֶערוּפְן ווַייל עֶס אִיז מָאוּס אֲזוֹי ווִי גָּלָל. לִכְאוֹרָה אִיז דָאס אַ פֶּלֶא, מ'רֶעדְט דָאךְ דָא פוּן מֶענְטְשְׁן ווָעלְכֶע הָאבְּן גֶעלֶעבְּט פַאר פֶערְצִיג יָאר אִין מִדְבָּר, מִיט אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא עוֹלָם, און גֶעזֶעהְן דִי צֶען מַכּוֹת אִין מִצְרַיִם, קְרִיעַת יַם סוּף, יְרִידַת הַמָּן יֶעדְן טָאג, קְרִיעַת הַיַּרְדֵּן, גֶעזֶעהְן ווִי עֶס פַאלְט דִי שְׁטָאט יְרִיחוֹ מִיטְן זָאגְן זִיבְּן מָאל עָלֵינוּ לְשַׁבֵּחַ... אַזֶעלְכֶע מֶענְטְשְׁן לֶעבְּן דָאךְ מִיטְן רבש"ע מִיט אַ פֶעסְטֶע אֱמוּנָה, און מִיר דַארְפְן מוֹרָא הָאבְּן אַז וֶוען זֵיי ווֶעלְן זֶעהְן אֵיין מָאל עֲבוֹדָה זָרָה'ס, **ווָאס עֶס אִיז דָאךְ פַארְעֶקְלְט בֵּיי זֵיי ווִי מִיסְט און ווִי שְׁקָצִים וּרְמָשִׂים** ווֶעלְן זֵיי צוּלִיבּ דֶעם דִינֶען עֲבוֹדָה זָרָה?

**נָאר** מֶען זֶעט פוּן דֶעם אַ גְרוֹיסֶע יְסוֹד, אַז דִי אוֹיג פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז דֶער שְׁטֶערְקְסְטֶער כֹּחַ פוּן אַ מֶענְטְשׁ, ווָאס אַ מֶענְטְשׁ זֶעט גֵייט אַרַיין גָאר טִיף, און דָאס אִיז גוֹרֵם אַז דִי הַארְץ זָאל גְלוּסְטְן, אֲפִילוּ זַאכְן ווָאס מֶען ווָאלְט נִישְׁט גֶעגְלוּסְט סְתָם אֲזוֹי, אָבֶּער ס'אִיז שׁוֹין אַרַיין טִיף אִין זַיין נֶפֶשׁ, אוֹיבּ פַארְן זֶעהְן, אִיז דָאס גֶעוֶוען בֵּיי אִים פַארְעֶקְלְט ווִי מִיסְט, נָאכְן זֶעהְן אִיז בַּאקְוֶועם.

**מִיט** דֶעם קֶען מֶען מְרַמֵז זַיין דָאס וָואס שְׁטֵייט וַוייטֶער אִין פָּסוּק "עֵץ וָאֶבֶן" אֵיינמָאל מְ'זֶעט וֶוערְט עֶס שׁוֹין נִישְׁט אֲזוֹי פַּארמִיאוּסט, נָאר צוּבִּיסלֶעךְ וֶוערְט מֶען צוּגֶעוואוֹינְט אוּן מֶען קוּקְט עֶס אָן אֲזוֹי וְוִי עֵץ וָאֶבֶן, אוּן דֶערנָאךְ קֶען עֶס חָלִילָה וֶוערְן אַז מֶען זָאל דָאס אָנקוּקְן וְוִי 'כֶּסֶף וְזָהָב', סְ'הָאט שׁוֹין אַ מְצִיאוּת בֵּיי אִים.

**אִיצְט** וֶוען מֶען אִיז אוֹיף דַאטְשֶׁע, אוּן מֶען עֶרלוֹיבְּט זִיךְ צוּ גֵיין פַּארשִׁידֶענֶע אוֹיספלוּגְן, דַארְף מֶען גָאר שְׁטַארְק אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן, אוּן דָאס חָלִילָה נִישְׁט קַאלְיֶע מַאכְן, יֶעדְן טָאג אִיז אַ נַייעֶ נִסָּיוֹן, אוּן מֶען דַארְף נָאכְנַאנְד זִיךְ שְׁלָאגְן מִיטְן יֵצֶר הָרָע, אַז מֶען זָאל נִישְׁט נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט וֶוערְן, אוּן זִיכֶער מַאכְן צוּ הַאלְטְן דִי אוֹיגְן רֵיין אוּן אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע אוּן אוּמְוֶוערְדִיגֶע רְאִיּוֹת.

**דִי** אוֹיג דָאס אִיז דִי רֹאשׁ הָאֵיבָרִים, דֶער הוֹיפְּט אִיבֶּער אַלֶע אֵיבָרִים. וֵוייל דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעפִּירְט דוּרְךְ דִי אִינְפָארְמַאצְיֶע וָואס עֶר בַּאקוּמְט פוּנֶעם אוֹיג, אוּן דִי נַייגֶערִיגְקֵייט אוּן גְלוּסְטֶענִישׁ פוּנֶעם אוֹיג אִיז פוּן דִי גְרֶעסְטֶע כּוֹחוֹת וָואס צִיהֶען אַ מֶענְטְשׁ[ג].

## אָסוּר לְהִסְתַּכֵּל בִּפְנֵי רָשָׁע

**אוּן** מֶען דַארְף שְׁטַארְק אָפְּהִיטְן דִי כֹּחַ הָרְאִיָּה, וֵוייל עֶס קֶען לֵיידֶער צוּבְּרֶעכְגֶען אַז דֶער גַאנְצֶע מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן פַּארְדָארְבְּן, מִיט אֵיין שְׁלֶעכְטֶע בְּלִיק, אֲזוֹי וְוִי מִיר זֶעהְן אִין גְמָרָא (מגילה כח א) אַז רַבִּי יוֹחָנָן הָאט גֶעזָאגְט: "אָסוּר לְאָדָם לְהִסְתַּכֵּל בְּצֶלֶם דְּמוּת אָדָם רָשָׁע – עֶס אִיז אָסוּר צוּ קוּקְן אוֹיף דִי צוּרָה פוּן אַ רָשָׁע, אֲפִילוּ אוֹיף אַ בִּילְד!" דֶער מַהַרְשָׁ"א (חִדּוּשֵׁי אַגָּדוֹת) אִיז דָאס מַסְבִּיר בְּשֵׁם דִי חַכְמֵי

ג. איך האב געהערט פון הרב אבא חייא טויבער שליט"א פון מאנסי, אן אייזענע קשיא, א קאמפעני פון ציגארעטלעך באצאלט טויזנטער דאלארן א טאג אז עס זאל הענגען ביי א צענטראלע פרשת דרכים א ריזיגע טאוועלע-עדווערטייזמענט מיט א בילד ווי א מענטש רייכערט א ציגארעטל בשעת'ן רייטן אויף א פערד, און דערנעבן שטייט די סימבאל פון די ספעציפישע קאמפעני, און מיט דעם ענדיגט זיך די עדווערטייזמענט. אבער מכח די געזעץ שטייט אונטער די עדווערטייזמענט מיט גרויסע פאשקעווילן-סטייל-אותיות שווארץ אויף ווייס "אז רייכערן איז א סכנת מוות מיט תחלואים וייסורים שונים וואס מיר וואונטשען פאר אלע שונאי ישראל", און דאך אינוועסטירט די קאמפעני טויזענטער דאלארן אין די עדווערטייזמענט, וואוסנדיג אז אן איינפאכע בילד פון עפעס א פויער מיט א פערד וואס רייכערט גראדע א ציגארעטל האט א גרעסערע השפעה אויף מענטשן ווי אלע שווארצע ווערטער מיט די מראי מקומות.

דאס איז די כח פון די אויג, וואס עס איז אינטערעסאנט פארן אויג דערווארעמט דאס הארץ, אויסלאזנדיג די שכל וואס פארנעמט כמעט נישט קיין ארט. מיר דארפן וויסן ריכטיג אפצושאצן די כח פונעם אויג און עס נוצן נאר אויף גוטע זאכן, קוקן אויף ערליכע אידן וכדו', אפילו קוקן ווי א בחור אדער אינגערמאן יאגט זיך פארטאגס צום דאווענען איז בכוח אויסצורייניגן דאס הארץ.

הַמְקֻבָּלִים, אַז אִין דִי צוּרָה פוּן אַ מֶענְטְש אִיז פַארְהַאן אַ רוּחְנִיוּת'דִיגֶע צוּרָה, וָואס אוֹיבּ דֶער מֶענְטְש אִיז אַ צַדִיק אִיז דִי רוּחְנִיוּת'דִיגֶע צוּרָה אַ הֵיילִיגֶע צוּרָה, אוּן עֶס הֵיילִיגְט דִי מֶענְטְשְׁן וָואס קוּקְן דֶערוֹיף, אוּן אוֹיבּ דֶער מֶענְטְש אִיז אַ רָשָׁע ח"ו אִיז דִי רוּחְנִיוּת'דִיגֶע צוּרָה אַ טָמֵא'נֶע צוּרָה וָואס אִיז מְטַמֵא דִי מֶענְטְשְׁן וָואס קוּקְן אוֹיף דֶעם![ד]

**הַגָּאוֹן** רַבִּי יוֹסֵף חַיִּים יוֹסֵף זָאנֶענְפֶעלְד זי"ע הָאט נָאכְגֶעזָאגְט פוּן דִי גְדוֹלֵי יְרוּשָׁלַיִם אַ פַּחַד'יגֶע וָוארְט. וֶוען יוֹסֵף הַצַּדִיק הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן מִיט זַיינֶע בְּרִידֶער שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אַז זֵיי הָאבְּן אִים נִישְׁט דֶערְקֶענְט. הָאט רַבִּי יוֹסֵף חַיִּים זי"ע גֶעפְרֶעגְט וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט דֶערְקֶענֶען זַייעֶר אֵייגְן בְּרוּדֶער? זָאגְט עֶר נָאךְ אַ מוֹרָא'דִיגֶע תְּרוּץ, אַז דֶער סִבָּה פַארְוָואס זֵיי הָאבְּן אִים נִישְׁט דֶערְקֶענְט אִיז נִישְׁט וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעדֶענְקְט וִוי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס, נָאר ווִיבַּאלְד וֶוען זֵיי זֶענֶען אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּ יוֹסֵף הָאט יוֹסֵף גֶערֶעדְט מִיט זֵיי שְׁטְרֶענְגֶער רֵייד, וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בראשית מב ז) וַיְדַבֵּר אִתָּם קָשׁוֹת, הָאבְּן זֵיי פַארְשְׁטַאנֶען אַז זֵיי הָאבְּן דָא צוּ טוּן מִיט אַ שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְש וָואס שְׁרֵייט קוֹלוֹת, אוֹיבּ אַזוֹי הָאבְּן זֵיי אִים נִישְׁט אָנְגֶעקוּקְט, אַזוֹי וִוי דֶער הֲלָכָה אִיז "אָסוּר לְהִסְתַּכֵּל בִּפְנֵי אָדָם רָשָׁע", אוּן וִוי נָאר יוֹסֵף הָאט זִיךְ אַנְטְפְּלֶעקְט פַאר זֵיי אוּן אוֹיסְגֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז יוֹסֵף זַייעֶר בְּרוּדֶער, הָאבְּן זֵיי עֶרְשְׁט דֶעמָאלְטְס גֶעקוּקְט, הָאבְּן זֵיי גְלֵייךְ בַּאמֶערְקְט אַז דָאס אִיז טַאקֶע יוֹסֵף.

---

**ד.** די גמרא ברענגט א מורא'דיגע מעשה (קידושין כט ב): רב חסדא האט אויסגערימט רב המנונא אין די אויערן פון רב הונא - זאגנדיג אז רב המנונא איז אן אדם גדול, הערנדיג דאס האט רב הונא געבעטן פון רב חסדא אז די קומענדיגע מאל וואס רב המנונא קומט צו אים זאל רב חסדא אים אריבערברענגען צו אים [צו רב הונא]. ווען רב חסדא האט ענדליך געברענגט רב המנונא צו רב הונא, האט רב הונא זיך געוואונדערט פארוואס רב המנונא גייט נישט קיין טלית, רב המנונא האט געזען ווי רב הונא וואונדערט זיך אויף זיין אויפפירונג, האט ער אים מסביר געווען אז ער איז נאך א בחור – ער האט נאכנישט חתונה געהאט. ווען רב הונא האט דאס געהערט האט ער אוועקגעדרייט זיין פנים, און ער האט געזאגט פאר רב המנונא: דו וועסט נישט קענען זעהן מיין פנים ביז דו וועסט חתונה האבן!

און דער מהרש"א איז מסביר, אז רב הונא האט אים פארערעכנט אלס א רשע, וויבאלד ער האט נישט חתונה במזיד, און חז"ל זאגן אז "אסור להסתכל בפני אדם רשע – מען מעג נישט קוקן אין די פנים פון א רשע".

דער הפלאה (המקנה שם) איז דאס מסביר אויף אן אנדערע אופן, אז רב הונא האט אים מרמז געווען לויט די מאמר חז"ל "כל המקבל פני רבו כאילו מקבל פני שכינה – דער וואס זעהט די פנים פון זיין רבי, איז אזוי ווי ער זעהט די פנים פון די שכינה", אבער ער קען נישט זעהן די פנים פון די שכינה ווייל חז"ל האבן געזאגט (יבמות סד) אז איינער וואס איז נישט עוסק אין פרי' ורבי' איז גורם אז די שכינה זאל זיך ח"ו אפטוען פון די אידן.

**וָוען** מֶען קוּקְט אוֹיף אַ רָשָׁע שְׁפִּירְט מֶען ווי ווייט מֶען ווערְט אָנְגֶעשְׁטֶעקְט מִיט פַּארְגְרֶעבְּטְקַייט און טוּמְאָה, און דֶערִיבֶּער זֶען מִיר אַז וָוען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד דַארְף רֶעדְן צוּ אַ פַּארְגְרֶעבְּטֶער גוֹי שְׁפִּירְט עֶר זִיךְ זֵייעֶר אוּמְבַּאקְוֶועם.[ה]

### שְׁמִירַת עֵינַיִם - אֲפִילוּ בֵּיי גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן

**אַ** מֶענְטְשׁ זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט הָאבְּן קֵיין בִּטָּחוֹן אִין 'זִיךְ', אַ מֶענְטְשׁ זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט זָאגְן 'צוּ מִיר וֶועט דָאס נִישְׁט גֶעשֶׁען וְכַדוֹ', אַ מֶענְטְשׁ אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוַואכֶע בְּרִיָּה – וְלוּלֵא הקב"ה עוֹזְרוֹ לֹא הָיָה יָכוֹל לוֹ – אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט נִישְׁט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ אִין דִי מִלְחָמָה אַנְטְקֶעגְן דֶעם יֵצֶר הָרַע קֶען דֶער מֶענְטְשׁ דָאס נִישְׁט בֵּייִשְׁטֵיין[ו].

**וָואס** דַארְף מֶען מֶער, ווי אָדָם הָרִאשׁוֹן 'יְצִיר כַּפָּיו פוּן הקב"ה', מִיר הָאבְּן נִישְׁט קֵיין הַשָּׂגָה אִין זַיין גְרוֹיסְקַייט - אִין חֲזַ"ל שְׁטֵייט אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען הוֹיךְ בִּיז דִי זוּן, דִי זוּן הָאט אִים אַרוּמְגֶענוּמֶען ווי אַ קְייט אַרוּם זַיין הַאלְז, עֶר אִיז גֶעוֶוען כֻּלּוֹ גַּן עֵדֶן, און עֶר מִיט חַוָּה הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין יֵצֶר הָרַע - וָוען דֶער שְׁלַאנְג אִיז גֶעקוּמֶען צוּ חַוָּה אִיר צוּ צוּרֶעדְן אַז זִי זָאל עֶסְן פוּן דִי עֵץ הַדַּעַת, הָאט עֶר אִיר פְּרוּבִּירְט אֵיינְצוּרֶעדְן מִיט דִי שֶׁענְסְטֶע און קְלוּגְסְטֶע רַעְיוֹנוֹת, אֲזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בראשית ג ה) **כִּי בְּיוֹם אֲכָלְכֶם מִמֶּנּוּ וְנִפְקְחוּ עֵינֵיכֶם וִהְיִיתֶם כֵּאלוֹקִים יֹדְעֵי טוֹב וָרָע** אִין דִי טָאג וָואס עֶנְק וֶועלְן עֶסְן דֶערְפוּן, וֶועלְן זִיךְ עֶפֶענֶען עֶנְקֶערֶע אוֹיגְן, און עֶנְק וֶועלְן זַיין אֲזוֹי ווי אַ גָאט, וָואס פַארְשְׁטֵייט גוּטְס און שְׁלֶעכְטְס - אָבֶּער אוֹיף חַוָּה הָאט גֶעווירְקְט גָאר עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק שְׁפֶּעטֶער "**וַתֵּרֶא" הָאִשָּׁה כִּי טוֹב הָעֵץ לְמַאֲכָל** חַוָּה הָאט גֶעזֶעהן אַז דִי פְּרוּכְט אִיז גוּט צוּ עֶסְן, **וְכִי תַאֲוָה הוּא לָעֵינַיִם** און עֶס גְלוּסְט זִיךְ פַאר דִי אוֹיגְן! און עֶרְשְׁט נָאכְדֶעם שְׁטֵייט **וְנֶחְמָד הָעֵץ לְהַשְׂכִּיל** אַז דִי בּוֹים אִיז גֶעשְׁמַאק ווייל מֶען ווערְט קְלוּג דוּרְךְ דֶעם, אֲזוֹי ווי דֶער שְׁלַאנְג הָאט אִיר אֵיינְגֶערֶעדְט, און צוּלִיבּ דֶעם **וַתִּקַּח מִפִּרְיוֹ וַתֹּאכַל** הָאט זִי גֶעגֶעסְן פוּן דִי עֵץ הַדַּעַת.

---

**ה.** דער הייליגער חתם סופר זי"ע האט אמאל באגעגנט א איד וואס עס האט לײדער נישט געטויגט מיט אים, און דערנאך האט זיך דער חתם סופר באקלאגט אז ער שפירט אפגעקילט אין יראת שמים און אז דער איד האט אים מטמא געווען מיט זיין הבל פיו, און ער איז אהיימגעגאנגען און געכאפט א חובת הלבבות כדי זיך צו דערווארעמען דערמיט.

דער תורת אבות מסלאנים זי"ע האט געזאגט, אז ווען אן ערליכער איד גייט אויף די גאס ווערט די גאנצע לופט אויסגערייניגט!

**ו.** פארקערט, נאר ווען ער וועט היטן זיינע אויגן ווי עס דארף צו זיין איז ער בעל הבית אויף זיך, אזוי ווי הרה"ק רבי שלמה קארלינער זי"ע האט געזאגט, "איינער וואס איז בעה"ב אויף די אויגן איז א בעה"ב אויף די גאנצע גוף אויף די מח און אויף די רצון".

**דָאס** הַייסְט, אַז אִיר נְפִילָה הָאט זִיךְ נִישְׁט אָנְגֶעפַאנְגֶען וֶוען עֶר הָאט אִיר צוּ גֶעזָאגְט גָאלְדֶענֶע גְלִיקְן, נָאר **'וַתֵּרֶא'** זִי הָאט **גֶעזֶעהְן**, דָארְט אִיז זִי אַרָאפּ גֶעפַאלְן מַטָּה מַטָּה, אֲזוֹי וַוייט אִיז זִי גֶעפַאלְן אוּן זִי הָאט מִיטְגֶעשְׁלֶעפְּט אוֹיף אָדָם מִיט אִיר, אוּן אַלֶע אַלֶע נְשָׁמוֹת וָואס זֶענֶען גֶעלִיגְן אִין אָדָם הָרִאשׁוֹן, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קוֹמָה שְׁלֵמָה פוּן אַלֶע נְשָׁמוֹת עַד סוֹף כָּל הַדּוֹרוֹת, אוּן אוּנְזֶער תַּפְקִיד אִיז זַייט דֶעמָאלְטְס מְתַקֵּן צוּ זַיין דִי בְּלִיק פוּן חַוָּה, **אַלֶעס פוּן אֵיין בְּלִיק.**

**אָדָם** וְחַוָּה הָאבְּן גֶעהַאט דִי שֶׁענְסְטֶע יִחוּס וָואס אִיז שַׁיָּךְ... זַיי זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן דוּרְכְן אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין. אוּן זַיי הָאבְּן גֶעהַאט דֶעם בֶּעסְטְן רֶבִּי'ן וָואס אִיז שַׁיָּךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין הָאט זַיי אָנְגֶעוָוארְנְט נִישְׁט צוּ עֶסְן פוּן דִי עֵץ הַדַּעַת. אוּן זַיי הָאבְּן גֶעהַאט דִי שְׁטַארְקְסְטֶע כֹּחַ הַקְּדֻשָּׁה וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט נָאר אַמָאל גֶעהַאט, אַלֶע נְשָׁמוֹת פוּן אַלֶע אִידְן עַד סוֹף כָּל הַדּוֹרוֹת זֶענֶען גֶעוֶוען אִין זַיי, אוּן זַיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין יֵצֶר הָרַע, אוּן דָאךְ זֶענֶען זַיי דוּרְכְגֶעפַאלְן, וַוייל 'שְׁמִירַת עֵינַיִם' אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, קְלֵיין אִין גְרוֹיס[ז].

### יוֹסֵף הַצַּדִּיק גִיבְּט דֶער כֹּחַ הַקְּדוּשָּׁה

**עֶס** אִיז מְקוּבָּל בֵּיי צַדִּיקִים דֶער מַעֲשֶׂה פוּן ר' אַהֲרֹן הַגָּדוֹל פוּן קַארְלִין זי"ע, ווִי עֶר אִיז אֵיינְמָאל גֶעגַאנְגֶען אִין גַאס אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן עֶפֶּעס וָואס מְ'דַארְף נִישְׁט

**ז.** אין ספר פניני הגרי"ז (מעשיות פון הגרי"ז מבריסק) ברענגט א סיפור, אז א איד א גרויסער תלמיד חכם וואס האט געוואוינט אין שטאט 'תל אביב' יארן לאנג, ער האט זיך זייער געמוטשעט צו היטן זיינע קינדער אז זיי זאלן נישט נאכגעשלעפט ווערן פון די שלעכט סביבה (תל אביב איז שוין דעמאלטס געווען א שטארק פרייע שטאט), ער פלעגט נישט לאזן זיינע קינדער אליין גיין אין גאס, זיי צו היטן פון שלעכטע חברים, איין טאג איז ער געקומען צו א מסקנא אז מען קען נישט אזוי ווייטער ממשיך זיין, ער האט מחליט געווען זיך אריבער צוהען קיין בני ברק.

די קהילה אין תל אביב האבן געהאט אויף אים גרויסע טענות "ווי קען מען מפקיר זיין תל אביב וואס דארף אסאך חיזוק אין אידישקייט" אז די וועסט אוועק גיין פון דא וועט די אידשקייט שוואכער ווערן, אין נאך דערצו אז אנדערע וועלן דיר נאך מאכן, אין נאך אזעלכע טענות, דער איד האט נישט געוואוסט וואס צו מחליט זיין.

האט ער באשלאסן ארויף צוגיין קיין ירושלים צום לשכת הגזית דער הייליגער בריסקער רב זי"ע, פרעגן די דעת תורה וואס ער האט צו טוהן אין אזא פאל, ער האט פאר געלייגט די שאלה פארן בריסקער רב, אז פון איין זייט איז דא א חשבון פון די אידשקייט אין תל אביב, אבער פון די אנדערע זייט 'וואס וועט זיין מיט די חינוך פון קינדער', האט אים דער בריסקער רב געענטפערט "ס'איז א טעות וואס איר זאגט, וועגן די חינוך פון די קינדער דארפט איר אוועק גיין פון תל אביב? 'פאר אייער אידישקייט' דארפט איר אוועק גיין פון דארט", די אלע שלעכטע זאכן וואס ווערן געזען דארט קענען שאטן 'פאר אייך' נישט פאר אייערע קינדער...

איינער האט געפרעגט דער חזו"א צו זיין וויב מעג מיט נעמען זיין קליינעם אינגל פון צוויי

זֶעהְן, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וֵויינֶען גָאר שְׁטַארְק, בִּיז סְ'הָאט אִיהְם אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רִינֶען בְּלוּט פוּן דִי אוֹיגְן, אוּן עס איז געווארְן אַ רַעש, בִּיז אַלֶע בּוֹימֶער הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ זִיךְ שָׁאקְלֶען אוּן שְׁרַייעֶן:

אַהֲרֹן! אַהֲרֹן! וָואס וֵויינְסְטוּ? עֶנְטְפֶעְרְט ר' אַהֲרֹן הַגָּדוֹל אַז עֶס אִיז אִיהְם שׁוֹין בֶּעסֶער צוּ שְׁטַארְבְּן יֶעצְט, עֶר דַארְף נִישְׁט אַזַא לֶעבְּן וָואס זֵיינֶע אוֹיגְן הָאבְּן גֶעקוּקְט שְׁלֶעכְטְס[ח], צַדִיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז אִין

---

יאר אלט ווען זי גייט צום ים – ס'איז געווען א כשרע ים [ביט"ש] – זיין שאלה איז געווען וויל ער איז נאך זייער קליין ניטאמאל 3 יאר, האט אים דער חזו"א געענטפערט 'אז איר ווילט אז דער יונגעל זאל אין די עלטערע יארן בלייבן ביים לערנען, לאז נישט אייער וויב אים מיט נעמען', ווייל די בילדער וואס ער וועט דארט זעהן קריכט אריין אין זיין קליינעם קאפ אין ס'וועט אים שטערן אין די עלטערע יארן. (ספר מעשה איש ח"ב).

למעשה האט ער נישט געפאלגט, דער סוף איז געווען אז דער איינציגער פון יענע משפחה וואס איז נישט געבליבן ביים לערנען איז געווען יענער יונגעל, חוץ פון אים איז די גאנצע משפחה געבליבן ביים לערנען...

הרה"ג רבי יחזקאל לעווינשטיין זצ"ל האט אמאל געדארפט ערלעדיגן געוויסע פאפירן אין די שטאט תל אביב, און ער האט פארלאנגט אז מען זאל צודעקן אלע פענסטערס פונעם קאר מיט פירהענג, און אזוי איז ער געפארן ביז צו די פלאץ ווי ער האט געדארפט אנקומען און ער האט ערלעדיגט דאס וואס ער האט געדארפט ערלעדיגן און ער איז גלייך צוריק געפארן, אבער ער האט זיך שטארק אפגערעדט אז כאטש ער האט גארנישט געזעהן אין תל אביב דאך האט אים די לופט געשאדט און ער שפירט אז זיין הארץ האט זיך עטוואס פארשטאפט, א לאנגע צייט שפעטער האט ער זיך אנגערופן אז היינט שפירט ער זיך שוין צוריק דער זעלבער מענטש.

א אינגערמאן א מלמד האט מיר פארציילט אז ער האט געדארפט פאָרן פון לאנדאן קיין מאנטשעסטער מיט די גאנצע משפחה, און ער האט קודם געטראכט צו פארן מיט די באן וואס איז פיל ביליגער ווי א קאר, אבער ער האט זיך גאר שטארק געקווענקעלט איבער דעם, צוליב די אויסגעלאסנקייט פון די גוי'שע גאס וואס איז נאך פיל ערגער אין די זומער טעג, למעשה האט ער זיך מתגבר געווען און ער האט געצאלט פיר הונדערט און צוואנציג פונט פאר א טעקסי, וואס דאס קומט אויס כמעט אזויפיל ווי ער פארדינט איין גאנצע וואך!

פון הימל האט מען אים געוויזן אז פון שמירת עיניים דערלייגט מען נישט, און גלייך ווי ער איז אנגעקומען אהיים האט ער באקומען א טעלעפאון קאל אז ער האט געוואונען טויזנט פונט אין א גורל!

**ח.** ס'איז ידוע אויף ר' שלמה'קע זוויהלער זי"ע אז ער האט געזאגט פאר זיין אייניקל וואס איז געווען אן איידעם ביי א איד פון די 'פרושים' [קהילה פון די תלמידי הגר"א], אז אונז עסן טאקע נישט געבראקטס אין פסח, אבער אויף יענע וועלט רעדט מען נישט פון געבראקטס... נאר פון שמירת עינים! און ער האט געזאגט אז די ערשטע זאך אויף וואס מען

דֶעם זְכוּת הָאט דֶער רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גֶענוּמֶען אַכְצִיג טוֹיזְנְט רְשָׁעִים גְּמוּרִים און גֶעמַאכְט פוּן זֵיי צַדִּיקִים גְּמוּרִים, בִּזְכוּת ר' אַהֲרֹן הַגָּדוֹל! זַיין טִיפֶער צַעַר אִיבֶּער דֶער הֵיילִיגקֵייט פוּן זַיינֶע אוֹיגְן הָאט דֶערהוֹיבְּן דִי בְּרִיאָה און אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אַ רוּחַ טְהָרָה און אַ גֵייסְט פוּן תְּשׁוּבָה.

**אַזוֹי** וִוי דִי סְפָרִים הק' זָאגְן אַז דוּרְך דֶעם וָואס יוֹסֵף הַצַּדִּיק הָאט זִיך אֵיינְגֶעהַאלְטְן בֵּיי זַיין נִסָּיוֹן אִין קְדוּשָּׁה, הָאט עֶר אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אַזַא כֹּחַ אִין גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אַז אֲפִילוּ אָן דִי תּוֹרָה, הָאבְּן אַלֶע הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער אִידְן נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט אִין מִצְרַיִם בִּזְכוּתוֹ, בְּמֶשֶׁך דִי צְוֵויי הוּנְדֶערְט און צֶען יָאר פוּן גָלוּת מִצְרַיִם, סְ'אִיז דָאך מַבְהִיל עַל הָרַעְיוֹן, מְ'הָאט גֶעווּאוֹינְט אִין עֶרְוַת הָאָרֶץ, דֶער נִידְרִיגְסְטֶער פְּלַאץ אוֹיף דִי וֶועלְט, אַזוֹי חֲזַ"ל זָאגְן אַז עֲשָׂרָה קַבִּין פוּן נִידְרִיגְקַייט יָרְדוּ לָעוֹלָם און נַיין הָאט מִצְרַיִם גֶענוּמֶען פַאר זִיך (קידושין מט.) און אֵיין אִיד הָאט מִיט זַיין כֹּחַ הָרְאִיָּה מְזַכֶּה גֶעוֶוען גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל אַז בְּמֶשֶׁך צְוֵויי הוּנְדֶערְט און צֶען יָאר זָאלְן זֵיי חֲתוּנָה הָאבְּן, נָאר מִיט אִידְן, דָאס גִיבְּט אוּנז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חִיזוּק, יֶעדֶע בִּיסְל הִתְגַבְּרוּת בְּרֶענגְט אַרָאפּ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע כֹּח און הַשְׁפָּעָה לְטוֹבָה סֵיי אוֹיף זִיך און אוֹיף אַנְדֶערֶע!

**רַבִּי** אַהֲרֹן הַגָּדוֹל אִיז גֶעוֶוען דֶער גָּדוֹל הַדּוֹר, און עֶר הָאט גֶעהִיטְן דִי אוֹיגְן אַזוֹי וִוי יוֹסֵף הַצַּדִּיק, און אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט בֵּיי יוֹסֵף הַצַּדִּיק, אַז זַיין קְדוּשַּׁת הָעֵינַיִם הָאט אַרַיין גֶעגֶעבְּן אַ כֹּחַ אִין גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל צוּ הִיטְן שְׁמִירַת עֵינַיִם אִין אַלֶע דוֹרוֹת, בִּזְכוּת זַיין גֶעוַואלְדִיגֶע שְׁמִירַת עֵינַיִם, אַזוֹי אוֹיך ר' אַהֲרֹן הַגָּדוֹל בִּזְכוּת זַיין קְדוּשָּׁה הָאט עֶר אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אַזַא כֹּחַ פוּן הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה און טוֹיזְנְטֶער טוֹיזְנְטֶער זֶענֶען גֶעוָוארְן בִּזְכוּתוֹ שׁוֹמְרֵי תּוֹרָה וּמִצְוֹת.

**אַזוֹי** וִוי רַבִּי אַהֲרֹן הַגָּדוֹל הָאט גֶעהָארָאוֶועט שְׁוֶוער אוֹיף זִיך אוֹיף זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען מַחְזִיר בִּתְשׁוּבָה צוּ זַיין אַכְצִיג טוֹיזְנְט רְשָׁעִים גְּמוּרִים, און יֶעדֶער אִיד דַארְף וִויסְן אַז דֶער רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גֶעבְּט אִים אַ פִּקָּדוֹן, אַ נְשָׁמָה! הִיט אוֹיף דֶעם, גִיבּ עֶס צוּרִיק רֵיין, און יֶעדֶע אִיד הָאט בְּכוֹחוֹ צוּ שְׁלֶעפְּן מִיט זִיך גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, סְ'אִיז אַזוֹי וִוי אַ שְׁטְרִיק יַעֲקֹב חֶבֶל נַחֲלָתוֹ גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל אִיז גֶעבִּינְדֶען אִינְאֵיינֶעם.[ט]

איז דן דעם מענטש אין הימל, ווען די נשמה קומט ארויף אויף יענע וועלט, איז אויב מ'האט געהיטן די אויגן. ווייל ווילאנג א מענטש היט די אויגן איז ער א בעל הבית אויף זיך, ממילא קען נאר א מענטש וואס היט זיך די אויגן אפגעבן א דין וחשבון אויף יעדע פרט ופרט. אבער פון א מענטש וואס האט נישט קיין שום שליטה אויף זיך, דארף מען נישט פרעגן מער קיין שאלות...

**ט.** אין אונזער דור האט דער שטן אנגעברענגט א נסיון וואס אונזערע עלטערן האבן זיך נישט גע'דמיונ'ט אז עס קען אזוינס זיין... אז מען קען מיט איין דרוק אנקומען צו די ערגסטע

## זֶען קְדוּשָׁה - הֵיילִיגְט דִי מֶענְטְשׁ

**וִוי** אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ רֵיינִיגְן דִי אוֹיגְן? דוּרְךְ קוּקְן אוֹיף גוּטֶע זַאכְן אָדֶער אוֹיף אַ צַדִיק, בַּאקוּמְט מֶען אַן הַשְׁפָּעָה לְטוֹבָה, צוּם לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן טהוּן מִצְווֹת אוּן עֶס רֵיינִיגְט אוֹיס דִי אוֹיגְן, אֲזוֹי וִוי מִיר זֶעהְן אִין גְמָרָא (ערובין יג:) אַז רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ הָאט גֶעזָאגְט "**הַאי דִּמְחַדַדְנָא מֵחֲבֵרַאי** – דָאס וָואס אִיךְ בִּין שַׁארְפֶער [אִיךְ קֶען בֶּעסֶער לֶערְנֶען] וִוי מַיינֶע חֲבֵרִים, **דַחֲזֵיתֵיהּ לְרַבִּי מֵאִיר מֵאֲחוֹרֵיהּ** – אִיז אִין דִי כֹּחַ פוּן דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהְן דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רַבִּי מֵאִיר פוּן אוּנְטְן [דָאס הֵייסְט עֶר הָאט נִישְׁט גֶעזֶעהְן זֵיין פָּנִים נָאר זֵיין גֶענַאק], **וְאִילוּ חֲזִיתֵיהּ מִקַמֵּיהּ** – אוּן אוֹיבּ אִיךְ וָואלְט אִים גֶעזֶעהְן פוּן פָארְנְט, [עֶר וָואלְט גֶעזֶעהְן זֵיין פָּנִים], **הֲוָה מְחַדַדְנָא טְפֵי** – וָואלְט אִיךְ גֶעוֶוען נָאךְ שַׁארְפֶער". זֶעהְן מִיר פוּן דֶעם דִי גֶעוַואלְדִיגֶע כֹּחַ וָואס דִי אוֹיג הָאט, אַרֵיינְצוּבְּרֶענְגֶען תּוֹרָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם אִין אַ מֶענְטְשׁ, דוּרְכְן קוּקְן אוֹיף גוּטֶע זַאכְן וִוי צַדִיקִים וְכַדוֹ'.

**דִי** מַעְלָה פוּן קוּקְן אוֹיף עֶרְלִיכֶע אִידְן אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (חֲגִיגָה ה:) אַז **רַבִּי יַעֲקֹב אִישׁ כְּפַר חִיטַיָּא הֲוָה מַקְבִּיל אַפֵּיהּ דְּרַבֵּיהּ כָּל יוֹמָא כִּי קָשׁ א"ל לֹא נִצְטַעֵר מַר דְּלֹא יָכִיל מַר**, ר' יַעֲקֹב אַפִילוּ אִין דֶער עֶלְטֶער אוּן עֶר הָאט שׁוֹין גֶעדַארְפְט אַ שְׁטֶעקְן מִיט דֶעם הָאט עֶר זִיךְ אָן גֶעשְׁטֶערֶענְגְט צוּ מְקַבֵּל פָּנִים זֵיין זֵיין רֶבִּין, זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען זִיךְ גֶעמוּטְשֶׁעט צוּ מְקַיֵים זֵיין דִי מִצְוָה וָואס אִיז אַ חִיוּב פוּן מְקַבֵּל פָּנִים זֵיין דֶעם רֶבִּי'ן, אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט אִים "ר' יַעֲקֹב דוּ מוּזְט מִיר נִישְׁט מְקַבֵּל פָּנִים זֵיין, אִיךְ בִּין דִיר מוֹחֵל", "אָמַר לֵיהּ מִי זוּטָר מַאי דִּכְתִיב בְּהוּ בְּרַבָּנָן (תהלים מט י) וַיְחִי עוֹד לָנֶצַח לֹא יִרְאֶה הַשָּׁחַת כִּי יִרְאֶה חֲכָמִים יָמוּתוּ" **וּמַה הָרוֹאֶה חֲכָמִים בְּמִיתָתָן יִחְיֶה, בְּחַיֵּיהֶן עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה**, זָאגְט ר' יַעֲקֹב: "אוֹיבּ זֶעהְן חֲכָמִים שׁוֹין נִישְׁט לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט, אִיז מֶען זוֹכָה צוּ לֶעבְּן, אִיז זִיכֶער אַז מֶען קֶען הָאבְּן דֶער זְכִיָּה צוּ זֶעהְן אַ צַדִיק לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט, אִיז מִיר אַ גְרוֹיסֶער זְכוּת צוּ מְקַבֵּל פָּנִים זֵיין,

---

זאכן פון די גאנצע וועלט. מיט די מסוכן'דיגע **אינטערנעט**, וואס יעדער צרוע וזב לייגט ארויף דערויף אלעס וואס פאר אים איז אינטערעסאנט. מיר ווייסן אבער אז 'זה לעומת זה עשה אלוקים', ממילא מוז זיין אז מיט די אינטערנעט האט דער אייבערשטער געגעבן פאר כלל ישראל געוואלדיגע כוחות דאס בייצושטיין, און אז מען קען היינטיגע צייטן אויך ארייגשיינען אין די גאנצע וועלט, מיט א קליינינקייט.

לויט ווי מיר האבן אויבן געשמועסט איז דאס זייער פארשטענדליך, ווייל דורכדעם וואס איין איד ווערט נישט אזוי איבערגענומען פון דעם יצר הרע, און ער שטייט ווייט פון אלע שמוץ וואס איז דא אין די אינטערנעט און פון אלע מוסכנ'דיגע כלים, וואס דאס איז כולל 'אלע' שלעכטס פון די גאנצע וועלט, געבט זיין התגברות אריין א כח אין יעדן אייניציגסטן איד בייצושטיין אנטקעגן אלע טומאות פון די גאנצע וועלט! דאס איז א געוואלדיגע כח וואס ארבעט בעסער ווי אלע טעכנאלאגיע, מען דארף אפילו נישט געבן קיין איין קוועטש, פשוט מיטן שב ואל תעשה האלט מען אונטער גאנץ כלל ישראל!

איך קריג דאך מתנות אויפן מקבל פנים זיין, נישט נאר אין עולם הבא, נאר אויך אין עולם הזה פארדין איך", ווי ס'איז ידוע אז דער רבי איז א צינור, וואס איז משפיע פון אויבן צום תלמיד, ס'איז אויך א רוחניות'דיגן כח און אויך א גשמיות'דיגן כח.

**עס** שטייט אין פסוק, (במדבר טו לט) **ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם.** לכאורה איז שווער, פארוואס שטייט קודם 'אחרי לבבכם' און דערנאך 'ואחרי עיניכם', מיר ווייסן דאך די כלל אז "עין רואה והלב חומד" – קודם זעהט די אויג און ערשט דערנאך גלוסט די הארץ? נאר, דאס קומט אונז אויסצולערנען אז די הארץ גלוסט טאקע נאך וואס די אויג זעהט, אבער ווען די הארץ איז אזוי ווי עס דארף צו זיין, קען די הארץ קאנטראלירן די פיס אז עס זאל נישט נעמען די אויג צו פלעצער וואו עס זענען פארהאן נסיונות, און עס קען קאנטראלירן די אויג אז עס זאל נישט וועלן זעהן און אז עס זאל נישט ארייננעמען אין קאפ נישט גוטע זאכן וואס עס זעט.

## דער געוואלדיגע שכר פארן היטן די אויגן

**אז** מ'געבט אכטונג אויף די ראיה איז מען זוכה צו זיו השכינה! ווען מען קוקט נישט אויף זאכן וואס פארטרייבן די שכינה הקדושה ח"ו, און די הארץ און מח ווערן נישט פארשטאפט און פארגרעבט, איז מען זוכה צו זעען די שכינה הקדושה אין איר פילע פראכט, צו שפירן בחוש די השראת השכינה, און צו זען די פראכט פון השי"ת דער מלך מלכי המלכים בבנין בית המקדש.

**עס** שטייט אין מדרש (ויקרא רבה, כג יג): "**ר' מנשיה בר בריה דרבי יהושע בן לוי אמר, מצינו** אונז געפינען אין פסוק, **שכל מי שרואה דבר ערוה** אז יעדע וואס באמערקט עפעס וואס טויג נישט **ואינו זן עיניו ממנה** און ער זעטיגט נישט אן זיינע אויגן דערמיט, **זוכה להקביל פני השכינה** איז ער זוכה מקבל צו זיין די פנים פון די שכינה! **מאי טעמא** פון וואו ווייסן מיר דאס? ווייל עס שטייט אין פסוק: (ישעיה לג) **ועצם עיניו מראות ברע** א מענטש וואס פארמאכט די אויגן כדי נישט צו זעהן שלעכטס - **מה כתיב בתריה** וואס שטייט נאכדעם - (שם) **מלך ביפיו תחזינה עיניך** דער קעניג אין זיין שיינקייט וועלן זען דיינע אויגן!"

**עס** שטייט אין תפארת שלמה (פרשת האזינו) א געוואלדיגע חיזוק, אז בזכות דעם וואס מיר היטן אונזער אויגן, וועט דער אייבערשטער העלפן אז דאס וואס מ'זעט יא אמאל א דבר אסור, וועט נישט אריין גיין אינעם הארץ און עס וועט נישט קאליע מאכן אונזער געפילן, אבער אונז דארפן טון אונזערס און היטן די אויגן. מען דארף געדענקען אז ווען מ'גייט אויפן וועג, דארף מען גיין מיטן קאפ אראפ, און ווען מען פאלט ליידער דורך מיט א ראיה אסורה זאל מען גלייך זיך אוועק דרייען, און נוצן די אויגן אויף גוטע און ערליכער פלעצער, זיך אנשטרענגן צו אפהיטן דער ליכטיגע מתנה וואס הקב"ה האט אונז געגעבן, און עס האלטן ריין, און מיר וועלן טון אונזערס

וֶועט דֶער רבוש"ע אוּנז דֶערהֵייבְּן אוּן הֶעלְפְן עוֹמֵד זַיין בְּנִסָּיוֹן, בִּיז מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ וְתֶחֱזֶינָה עֵינֵינוּ בְּשׁוּבְךָ לְצִיּוֹן בְּרַחֲמִים גְּדוֹלִים אָמֵן.

**ווען מען פארט ארויס און מען זעט די וואונדערליכע בריאה וואס דער באשעפער האט באשאפן, איז כדאי צו חזר'ן די היילִיגע ווערטער פונעם רמב"ם.**

**והיאך** היא הדרך לאהבתו ויראתו. בשעה שיתבונן האדם במעשיו וברואיו הנפלאים הגדולים ויראה מהן חכמתו שאין לה ערך ולא קץ מיד הוא אוהב ומשבח ומפאר ומתאוה תאוה גדולה לידע השם הגדול. כמו שאמר דוד (תהלים מב-ג) 'צמאה נפשי לאלהים לאל חי'. וכשמחשב בדברים האלו עצמן מיד הוא נרתע לאחוריו ויפחד ויודע שהוא בריה קטנה שפלה אפלה עומדת בדעת קלה מעוטה לפני תמים דעות. כמו שאמר דוד כי (תהלים ח-ד) 'אראה שמיך מעשי אצבעתיך' (תהלים ח-ה) 'מה אנוש כי תזכרנו'. ולפי הדברים האלו אני מבאר כללים גדולים ממעשה רבון העולמים כדי שיהיו פתח למבין לאהב את השם. כמו שאמרו חכמים בענין אהבה שמתוך כך אתה מכיר את מי שאמר והיה העולם. (פ"ב הלכות יסודי התורה ה"ב).

# דברי תורה
# ופנינים
# אויף די פרשיות
# ואתחנן עקב

# דברי תורה לפרשת ואתחנן

## וָאֶתְחַנַּן אֶל ה' (ג כג)

**ס'בַּאוואוּסְט** וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין מִדְרָשׁ (דברים רבה פרשה י"א) **אַז מֹשֶׁה** רַבֵּנוּ הָאט דֶעמָאלְט'ס גֶעדַאווֶוענְט פִינֶעף הוּנְדֶערְט אוּן פוּפְצֶען מָאל – אַזוֹי וִוי דִי וָוארְט "וָאֶתְחַנַּן" אִיז בְּגִימַטְרִיָא **515**.

**דִי** סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים [אוֹר הַחַיִּים הַק' (במדבר כ ח) שִׂפְתֵי צַדִּיקִים (שמות ו ב) אַגְרָא דְכַלָּה (ואתחנן) ועוד] זֶענֶען מַסְבִּיר דֶער טַעַם פַארְוָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַז מֹשֶׁה רַבֵּנוּ זָאל אַרֵיין גֵיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, לוֹיט וִוי דִי גְּמָרָא זָאגְט אִין סוֹטָה (דף ט.) אַז דֶער מִשְׁכָּן וָואס מֹשֶׁה רַבֵּנוּ הָאט גֶעמַאכְט הָאבְּן דִי גוֹיִם נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין שְׁלִיטָה, נָאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁכָּן אִיז גֶעבְּלִיבְּן בַּאהַאלְטְן – אוּן וִוי דִי גְּמָרָא זָאגְט אִין יוֹמָא (עב.) עֲצֵי שִׁטִּים עוֹמְדִים שֶׁעוֹמְדִים לָעַד וּלְעוֹלְמֵי עוֹלָמִים – קוּמְט דָאךְ אוֹיס אַז אוֹיב מֹשֶׁה וָואלְט אַרֵיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן גֶעבּוֹיעט דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, וָואלְט דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ נִישְׁט גֶעקֶענְט חָרוּב וֶוערְן, אִין דֶער חֻרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ כָאטְשׁ ס'אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע צָרָה, אָבֶער חֲזַ"ל זָאגְן אַז אִין דֶעם אִיז גֶעלֶעגְן אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה וַוייל דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אַרוֹיס גֶעגֶעבְּן זַיין צָארְן אוֹיף 'עֵצִים וַאֲבָנִים' אַנְשְׁטָאט דִי אִידְן, מִמֵּילָא וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּנוּ גֵייט אַרֵיין אוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִין בּוֹיעט אוֹיף דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וָואס וָואלְט נִישְׁט גֶעקֶענְט חָרוּב וֶוערְן, וָואלְט דֶער גַאנְצֶער צָארְן ח"ו גֶעגַאנְגֶען אוֹיף כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

## רַב לָךְ אַל תּוֹסֶף דַּבֵּר אֵלַי עוֹד בַּדָּבָר הַזֶּה (ג כו)

**נָאךְ** דֶעם וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעדַאווֶוענְט אַזוֹיפִיל תְּפִילוֹת, שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אַז דֶעמָאלְט'ס הָאט אִים הַשֵּׁי"ת גֶעזָאגְט רֶעדְט נִישְׁט צוּ מִיר מֶער וֶועגְן דֶעם. דֶער פְּנֵי יְהוֹשֻׁעַ (ברכות דף לב.) זָאגְט אַז דֶער אֵייבִּישְׁטֶער הָאט אִיהְם אָנְגֶעזָאגְט עֶר זָאל נִישְׁט צוּלֵייגְן אֲפִלּוּ נָאךְ אֵיין תְּפִלָּה, וַוייל אוֹיב עֶר וָואלְט גֶעדַאווֶוענְט נָאךְ אֵיין תְּפִלָּה מֶער, וָואלְט עֶר כִּבְיָכוֹל גֶעצְווּינְגֶען פַארְן בַּאשֶׁעפֶער צוּ טוּן נֶגֶד רְצוֹנוֹ, אוּן עֶר וָואלְט גֶעפּוֹעֶלְט אַרֵיין צוּ גֵיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן דֶער רָצוֹן ה' אִיז גֶעוֶוען אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאל נִישְׁט אַרֵיין גֵיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

## וְאַתֶּם הַדְּבֵקִים וְגוֹ' חַיִּים כֻּלְּכֶם הַיּוֹם (ד ד)

**'אַתֶּם'** אִיז אוֹתִיּוֹת 'אֱמֶת' וֶוען מֶען אִיז בַּאהָאפְּטְן מִיט דִי אוֹתִיּוֹת 'אַתֶּם' וָואס דָאס אִיז תּוֹרַת 'אֱמֶת' וִוי ס'שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (משלי כג כג) אֱמֶת קְנֵה וְאַל תִּמְכֹּר,

דֶעמָאלְטְס אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ חַיִּים כֻּלְּכֶם הַיּוֹם לֶעבְּן אַן אֱמֶת'ע לֶעבְּן.

(חיד"א רוח חיים דרוש י)

## רַק הִשָּׁמֶר לְךָ וּשְׁמֹר נַפְשְׁךָ מְאֹד פֶּן תִּשְׁכַּח אֶת הַדְּבָרִים וכו' (ד ט)

**דֶער** תִּפְאֶרֶת שְׁלֹמֹה זָאגְט אַז גֶעדֶענְקֶען דֶעם מַעֲמַד הַר סִינַי אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף נִישְׁט צוּ פַארְגֶעסֶען דִי תּוֹרָה, עֶר טַייטְשְׁט מִיט דֶעם דִי פָּסוּק, "רַק הִשָּׁמֶר לְךָ וּשְׁמֹר נַפְשְׁךָ מְאֹד פֶּן תִּשְׁכַּח אֶת הַדְּבָרִים גִיבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ פַארְגֶעסְן קַיין שׁוּם חֵלֶק פוּן דִי תּוֹרָה חַס וְשָׁלוֹם, אוּן דוּ קֶענְסְט צוּקוּמֶען צוּ דֶעם דוּרְכְ'ן שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אוּן לֶעבְּן מִיטְ'ן יוֹם אֲשֶׁר עָמַדְתָּ לִפְנֵי ה' אֱלֹהֶיךָ בְּחֹרֵב דוּרְכֶדֶעם וָואס דוּ וֶועסְט שְׁטֶענְדִיג לֶעבְּן מִיט דִי הִתְעוֹרְרוּת פוּן מַתַּן תּוֹרָה, וֶועסְטוּ נִישְׁט פַארְגֶעסְן דִי תּוֹרָה וָואס דוּ לֶערְנְסְט.

**אוֹיף** אַ אַנְדֶערֶע וֶועג קֶען מֶען דָאס מַסְבִּיר זַיין - פַארְוָואס גֶעדֶענְקֶען מַעֲמַד הַר סִינַי אִיז מְסוּגָל אוֹיף צוּ גֶעדֶענְקֶען דִי תּוֹרָה - ווייל וֶוען מֶען גֶעדֶענְקְט דִי מַעֲמַד הַר סִינַי, בְּרֶענְגְט דָאס אַריין אֱמוּנָה אִין דֶער מֶענְטְשׁ, אוּן מֶען גֶעדֶענְקְט דוּרְכֶדֶעם אַז דִי תּוֹרָה אִיז מִן הַשָּׁמַיִם, אוּן מְמֵילָא מַאכְט דִי לֶערְנֶען אַ שְׁטֶערְקֶערֶע רוֹשֶׁם אוֹיף דֶער מֶענְטְשׁ, אוּן דָאס אִיז גּוֹרֵם אַז מֶען זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן דָאס לֶערְנֶען חַס וְשָׁלוֹם, אַזוֹי ווִי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין מְאוֹר עֵינַיִם (יִשְׂמַח לֵב, בְּרָכוֹת ד"ה וְעַל מִיטָתִי שֶׁתְּהֵא נְתוּנָה), אַז אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט אַהֲבָה וְיִרְאָה, וֶוערְט מֶען מְקוּשָּׁר צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן דִי תּוֹרָה וֶוערְט אֵיינְגֶעקְרִיצְט אִינְ'ם מֶענְטְשׁ, אוּן מְמֵילָא פַארְגֶעסְט מֶען נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט.

## וְדִבַּרְתָּ בָּם (ו ז) וְלֹא בִּדְבָרִים בְּטֵלִים (יומא יט:)

**עֶס** שְׁטֵייט אִין סֵפֶר הַחֲרֵדִים (פרק ג) וֶוען מֶען רֶעדְט 'דְבָרִים בְּטֵלִים' אִיז מֶען עוֹבֵר אוֹיף אַן אִסּוּר עֲשֵׂה.

**דֶער** חֲתַם סוֹפֵר (דרשות חת"ס, דף שע"ו) שְׁרֵייבְּט: פוּן יֶעדֶע וָוארְט וָואס מֶען זָאגְט אַרוֹיס פוּנֶעם מוֹיל, לוֹיט דֶעם וֶוערְט גֶעפִירְט דֶער בְּרִיאָה. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט עֶרְלִיכֶער אוֹיסְגֶעהַאלְטֶענֶע רֵייד, דַאן וֶוערְט בַּאשַׁאפְן פוּן זַיין דִבּוּר וָואלְקֶענֶעס, וָואס פוּן דִי וָואלְקֶענֶעס קוּמְט אַרָאפּ רֶעגְן, אוּן דִי רֶעגְן הָאט אִין זִיךְ גִּשְׁמֵי בְּרָכָה, אַז אַלֶעס וָואס וֶוערְט בַּאשַׁאפְן דוּרְךְ דִי רֶעגְן, קוּמְט אַרוֹיס פֵיין אוּן גוּט. אָבֶער חָלִילָה טָאמֶער מֶען רֶעדְט דְּבָרִים בְּטֵלִים אוּן זַאכְן וָואס טוֹיגְן נִישְׁט, טוּט מֶען דֶערְמִיט קַאלְיֶע מַאכְן דִי וָואלְקֶענֶעס, אוּן דִי רֶעגְן וָואס וֶוערְט בַּאשַׁאפְן פוּן דִי רֵייד, הָאט נִישְׁט קַיין גוּטֶע אוֹיסְגַאנְג, אוּן עֶס הָאט נִישְׁט דִי כֹּחַ צוּ קֶענֶען אַרוֹיסְגֶעבְּן פֵיינֶע פֵּרוֹת אוּן תְּבוּאָה.

## נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי יֹאמַר אֱלֹקֵיכֶם
(ישעיהו מ א)

**דֶער** קְדֻשַּׁת לֵוִי (דברים, לשבת נחמו) אִיז מַסְבִּיר וֶוען כְּלַל יִשְׂרָאֵל טוּעֶן דֶעם ווִילְן פוּן הַשי"ת, וֶוערְט הַשי"ת אָנְגֶערוּפְן 'אֱלֹקֵינוּ' – 'אוּנזֶער' גָאט. עֶר טַיְיטְשְׁ דָאס אַריין אִין פָּסוּק (תהלים סז ז) "יְבָרְכֵנוּ אֱלֹקִים אֱלֹקֵינוּ", דֶער בַּאשֶׁעפֶער בֶּענְטְשׁ אוּנְז אַז אוּנְז זָאלְן אִים רוּפְן אֱלֹקֵינוּ – אוּנזער גָאט, דֶער בַּאשֶׁעפֶער פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל. אוּן דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק נַחֲמוּ נַחֲמוּ אוּנְז טְרֵייסְטְן זִיךְ, מִיט וָואס? אֱלֹקֵיכֶם אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז אוּנְזֶער גָאט.

**עֶנְלִיךְ** צוּ דֶעם עֶרְקְלֶערְט דֶער מַהֲרִי"ל (לִקּוּטִים נַחֲמוּ) דִי פָּסוּק ""נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי יֹאמַר אֱלֹקֵיכֶם" בַּאזִירְט דָאס וָואס סְ'שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (ישעיה סא י) "שׂוֹשׂ אָשִׂישׂ בַּה' תָּגֵל נַפְשִׁי בֵּאלֹקַי", וֶוען אֵיינֶער זֶעט אַ שֵׁיינֶע זַאךְ, בַּאקוּמְט עֶר אַ פַארְגֶענִיגְן אוּן עֶר הָאט הֲנָאָה דֶערְפוּן כָאטְשׁ וָואס דָאס גֶעהֶערְט נִישְׁט צוּ אִים, אָבֶער דִי שִׂמְחָה וֶועט זַיין פִיל מֶער וֶוען דֶער זַאךְ וָואס עֶר הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק הֲנָאָה, גֶעהֶערְט צוּ אִים. עֶר טַיְיטְשְׁ דָאס אַריין אִין פָּסוּק שׂוֹשׂ אָשִׂישׂ בַּה' וֶוען אִיךְ זֶע אַז אַלֶעם וֶוערְט גֶעפִירְט פוּן אוֹיבְן דוּרְךְ דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, בִּין אִיךְ פְרֵיילֶעךְ אוּן צוּפְרִידְן. תָּגֵל נַפְשִׁי בֵּאלֹקַי אוּן אַוַדַאי וֶוען דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דֶער וָואס פִירְט כְּלַל יִשְׂרָאֵל, דֶעמָאלְטְס אִיז דֶער פְרֵייד אוּמְשַׁאצְבַּאר. מִיט דֶעם טַיְיטְשְׁ דֶער מַהֲרִי"ל נַחֲמוּ נַחֲמוּ אוּנְז טְרֵייסְטְן אוּן פְרֵייעֶן זִיךְ אַז אוּנְז וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן עַמִּי דֶער בַּאשֶׁעפֶער'ס פָאלְק, יֹאמַר אֱלֹקֵיכֶם דֶעמָאלְטְס פְרֵיידְט זִיךְ הַשי"ת אוּן עֶר בַּארִימְט זִיךְ מִיט וָואסְפַארַא פָאלְק עֶר פַארְמָאגְט.

## טו באב

**חֲזַ"ל** (תַּעֲנִית כו:) זָאגְן אַז "לֹא הָיוּ יָמִים טוֹבִים לְיִשְׂרָאֵל כַּחֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב וּכְיוֹם הַכִּיפּוּרִים" - עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל נָאךְ אַזֶעלְכֶע פְרֵיילִיכֶע יָמִים טוֹבִים ווִי חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב אוּן יוֹם כִּיפּוּר, אוּן צוּלִיב דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה וָואס אִיז גֶעוֶוען אִין דִי טֶעג, פְלֶעגְן פָארְקוּמֶען גָאר אַסַאךְ שִׁידוּכִים אִין דִי טֶעג, אַזוֹי ווִי דִי מִשְׁנָה פַארְצֵיילְט (שָׁם), אַז דִי טֶעכְטֶער פוּן יְרוּשָׁלַיִם פְלֶעגְן דֶעמָאלְטְס אַרוֹיסְגֵיין טַאנְצְן אִין דִי ווַיין גֶערְטְנֶער, אָנְגֶעטוּעֶן אִין גֶעבָארְגְטֶע ווַייסֶע קְלֵיידֶער, - כְּדֵי אַז אַ מֵיידְל וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין אֵייגֶענֶע ווַייסֶע קְלֵיידֶער, זָאל נִישְׁט פַארְשֶׁעמְט וֶוערְן - אוּן יֶעדֶער מַאן וָואס הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעהַאט קֵיין פְרוֹי אִיז אַהִין גֶעגַאנְגֶען כְּדֵי צוּ טְרֶעפְן זַיין בַּאשֶׁערְטֶע.

**אוּן** דִי גְמָרָא (שָׁם ל:) פְרֶעגְט אוֹיף דֶעם: פַארְוָואס אִיז דֶער טָאג חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב גֶעוֶוען אַזַא פְרֵיילִיכֶע טָאג, אַז צוּלִיב דֶעם הָאט מֶען קוֹבֵעַ גֶעוֶוען אַזַא שִׂמְחָה אִין דֶעם טָאג? אוּן דִי גְמָרָא בְּרֶענְגְט פַארְשִׁידֶענֶע פֵּירוּשִׁים. אֵיינֶע פוּן דִי תֵּירוּצִים אִיז, אַז אִין חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב פְלֶעגְט מֶען אוֹיפְהֶערְן צוּ שְׁנֵיידְן בֵּיימֶער פַאר דִי עֲצֵי מַעֲרָכָה (הָאלְץ פַאר דִי פַייעֶר אוֹיפְ'ן מִזְבֵּחַ, וִויבַּאלְד דֶעמָאלְטְס וֶוערְט דִי שֵׁיין

פון די זון שְׁוואכֶער, און די הֶעלְצֶער וֶועלְן שוין נִישְׁט וֶוערְן אַזוי גוט אויסְגֶעטְרוּקְנְט).

**דֶער** רַבֵּינוּ גֵּרְשׁוֹם מְאוֹר הַגּוֹלָה (בָּבָא בַּתְרָא קכא:), אִיז מַסְבִּיר פַּארְוָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזַא גרויסֶע שִׂמְחָה אַז מֶען הָאט אויפְגֶעהֶערְט צוּ שְׁניידְן הָאלְץ פַאר דִי מִזְבֵּחַ ווייל צוּלִיב דִי אַרְבֶּעט פוּן שְׁניידְן דִי עֲצֵי הַמַּעֲרָכָה, הָאבְּן דִי אִידְן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין צייט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה ווִי שְׁטֶענְדִיג, און דִי גְרויסֶע שִׂמְחָה אִיז גֶעוֶוען, אַז מֶען הָאט זִיךְ גֶעקֶענְט צוּרִיק זֶעצְן אִין יְשִׁיבָה לערנען תורה.

**אוֹיף** דֶעם הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע וָוארְט בְּשֵׁם הרה"ג ר' יְהוֹשֻׁעַ כֹּהֵן שְׁלִיטָ"א: וֶוער פְלֶעגְט אַרְבֶּעטְן בַּיי דִי לִשְׁכַּת הָעֵצִים? דִי כֹּהֲנִים וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען בַּעֲלֵי מוּמִין, אַזוי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין מַסֶּכֶת מִידוֹת (פ"ב מ"ה): "מִזְרָחִית צְפוֹנִית, הִיא הָיְתָה לִשְׁכַּת הָעֵצִים, שֶׁשָּׁם הַכֹּהֲנִים בַּעֲלֵי מוּמִין מַתְלִיעִין הָעֵצִים" - דִי לִשְׁכָּה בַּיים ווִינְקְל פון דִי מִזְרַח צָפוֹן זַייט פוּן דִי עֲזָרָה, אִיז גֶעוֶוען דִי צִימֶער פוּן דִי הֶעלְצֶער, וָואס דָארְט הָאבְּן דִי כֹּהֲנִים, וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט טוּעֶן דִי עֲבוֹדָה ווִיבַּאלְד זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַ פְּעלֶער, אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן צְווִישֶׁן דִי הֶעלְצֶער דִי וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען וֶוערֶעמִיג.

**אוּן** אִין יֶענֶעם טָאג, וָואס דִי כֹּהֲנִים בַּעֲלֵי מוּמִין הָאבְּן אויפְגֶעהֶערְט צוּ בְּרֶענְגֶען דִי עֵצִים פַאר דִי מִזְבֵּחַ, אִיז גֶעוֶוען אַ שִׂמְחָה אִין גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל אַזוי ווִי יוֹם הַכִּיפּוּרִים, און דִי גְרויסֶע שִׂמְחָה אִיז גֶעוֶוען, אַז זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעקֶענְט זֶעצְן לֶערְנֶען.

**דָאס** קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן לֶערְנֶען, אֲפִילוּ פוּן אֵיין אִיד, גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט פַאר דִי פָּאר כֹּהֲנִים, אַז זֵיי קֶענֶען גֵיין לֶערְנֶען תּוֹרָה, פּוּנְקְט ווִי זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעפְרֵיידְט מִיט דִי מְחִילַת עֲווֹנוֹת פוּן יוֹם כִּיפּוּר, אַזוי שְׁטַארְק דַארְף מֶען מַחְשִׁיב זַיין דִי תּוֹרָה פוּן יֶעדְן אֵיינְצִיג אִיד.

# דברי תורה לפרשת עקב

## וְשָׁמַרְתָּ אֶת מִצְוֹת ה' וגו' לָלֶכֶת בִּדְרָכָיו וּלְיִרְאָה אוֹתוֹ (ח ו)

דְּרַיי מָאל שְׁטֵייט אִין פָּרָשַׁת עֵקֶב דִּי וֶוערְטֶער "לָלֶכֶת בִּדְרָכָיו", אֵיינְמָאל שְׁטֵייט בַּאלְד דֶערְנָאךְ "וּלְיִרְאָה אוֹתוֹ", אוּן שְׁפֶּעטֶער שְׁטֵייט (י יב) וְעַתָּה יִשְׂרָאֵל מָה ה' אֱלֹקֶיךָ וְגוֹ' לָלֶכֶת בִּדְרָכָיו "וּלְאַהֲבָה אֹתוֹ", אוּן סוֹף פָּרָשָׁה שְׁטֵייט (יא כב) כִּי אִם שָׁמוֹר תִּשְׁמְרוּן וְגוֹ' לָלֶכֶת בְּכָל דְּרָכָיו "וּלְדָבְקָה בוֹ". דֶער חָפֵץ חַיִּים אִין דֶער הַקְדָּמָה צוּ זַיין סֵפֶר אַהֲבַת חֶסֶד בַּאטָאנְט אַז יֶעדֶער אֵיינֶער דַּארְף הָאבְּן דִּי דְּרַיי זַאכְן; יִרְאָה - פָּארְכְטְן, אַהֲבָה - לִיבְּשַׁאפְט, אוּן דְּבֵקוּת - זַיין בַּאהָאפְטְן.

דִּי תּוֹרָה לָאזְט אוּנְז וויסְן אַז מֶען דַּארְף גֵּיין שְׁטַאפְּלְוֵויז, עֶרְשְׁט יִרְאָה - מוֹרָא הָאבְּן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, פָּארְכְטְן צוּ טוּן אַן עֲבֵירָה, דֶערְנָאךְ וֶוערְט מֶען נָאנְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַן אַהֲבָה - לִיבְּשַׁאפְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן צוּ תּוֹרָה וּמִצְוֹת, אוּן דֶערְנָאךְ אִיז דְּבֵקוּת - בַּאהָאפְטְן, וָואס דָאס אִיז אַסַאךְ אַ גְּרֶעסֶערֶע מַדְרֵגָה פוּן אַהֲבָה, דְּבֵקוּת מֵיינְט אַן אִינֶערְלִיכֶער לִיבְּשַׁאפְט וָואס אִיז אַרֵיין גֶעוָוארְצְלְט טִיף אִינֶעם מֶענְטְשׁ, וָואס אַלֶעמָאל אִיז דָא אַ קֶשֶׁר צוּם בַּאשֶׁעפֶער, ווִידֶער אַהֲבָה אִיז עֶפֶּעס וָואס גֶעשֶׁעט פוּן מָאל צוּ מָאל, עֶס עֶרְוֶועקְט זִיךְ אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּם בּוֹרֵא עוֹלָם.

## וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ וּבֵרַכְתָּ (ח י)

דִּי שְׁלָ"ה הַק' שְׁרֵייבְּט (שַׁעַר הָאוֹתִיּוֹת) מֶען זָאל גָאר שְׁטַארְק אִינְזִין הָאבְּן דִּי פֵּירוּשׁ הַמִּילוֹת בֵּיי בִּרְכַּת הַמָּזוֹן "יוֹתֵר מִשְּׁאָר בְּרָכוֹת", ווִיבַּאלְד עֶסְן בְּרֶענְגְט צוּ אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט זַאט אוּן מְגֻשָּׁם אוּן דָאס קֶען חָלִילָה צוּבְּרֶענְגֶען צוּ גַּאֲוָה אַזוֹי ווִי דִּי תּוֹרָה שְׁרֵייבְּט ווַייטֶער וְרָם לְבָבֶךָ וְשָׁכַחְתָּ אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ וְגוֹ', דֶערִיבֶּער דַּארְף מֶען זֶען צוּ בֶּענְטְשֶׁען עֶרְלִיךְ וָואס דָאס בַּאשִׁיצְט אוּן הִיט אָפּ דִּי מֶענְטְשׁ פוּן צוּ וֶוערְן מְגֻשָּׁם אוּן גַּאֲוָה.

אִין סֵפֶר חֲסִידִים (סימן מו) וֶוערְט פַּארְצֵיילְט אַ פַּחַד'יגֶע מַעֲשֶׂה: מִיט אֵיינֶער וָואס אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן יוּנְגֶערְהֵייט, וֶוען ס'אִיז אַרִיבֶּער אַ שְׁטִיק צֵייט אִיז עֶר גֶעקוּמֶען אִין חָלוֹם צוּ אֵיינֶער פוּן זַיינֶע בַּאקַאנְטֶע חֲבֵרִים, אוּן עֶר הָאט אִים דֶערְצֵיילְט דִּי שְׁוֶוערֶע צָרוֹת אוּן פַּיין וָואס עֶר מַאכְט גֶעבֶּעךְ מִיט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, צוּלִיבּ דֶעם וָואס עֶר פְלֶעגְט נִישְׁט בֶּענְטְשֶׁען עֶרְלִיךְ בְּכַוָּנָה.

## וְרָם לְבָבֶךָ וְשָׁכַחְתָּ וגו' (ח יד)

אַזְהָרָה לְגַסֵּי הָרוּחַ מִנַּיִן, א"ר נַחְמָן בַּר יִצְחָק וְרָם לְבָבֶךָ וְשָׁכַחְתָּ אֶת ה' (סוטה ה.)

דִּי מִשְׁנָה (סוֹף מַסֶּכֶת סוֹטָה) זָאגְט מִשֶּׁמֵּת רַבִּי בָּטְלָה עֲנָוָה, וֶוען רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ אִיז נִפְטַר

גֶעוָוארְן אִיז עֲנָוָה אוֹיךְ בָּטֵל גֶעוָוארְן, דִי גְמָרָא זָאגְט דֶערוֹיף, אָמַר רַב יוֹסֵף "זָאלְסְט נִישְׁט אַזוֹי זָאגְן, נָאר סְ'אִיז נָאךְ יָא גֶעבְּלִיבְּן עֲנָוָה אוֹיף דֶער וֶועלְט", וֶוער? "אֲנָא" - רַב יוֹסֵף זָאגְט אוֹיף זִיךְ אַז ווִילַאנְג עֶר לֶעבְּט נָאךְ אִיז דָאךְ דָא עֲנָוָה, וַוייל עֶר אִיז אַן עָנָיו.

**דִי** מְפָרְשִׁים מוּטְשֶׁעןְ זִיךְ צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי ווֶערְטֶער פוּן רַב יוֹסֵף, ווִי אַזוֹי קֶען זַיין אַז אַן עָנָיו זָאגְט אוֹיף זִיךְ אַז עֶר אִיז אַן עָנָיו? דֶער נַחֲלַת יַעֲקֹב עֶנְטְפֶערְט אַז דֶער מִדָּה פוּן עֲנָוָה מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען זָאל נִישְׁט אַנֶערְקֶענֶען אִין דִי אֵייגֶענֶע מַעֲלוֹת, נָאר מֶען דַארְף ווִיסְן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעגֶעבְּן מַתָּנוֹת פַארְן מֶענְטְשׁ, אוּן מֶען טָאר עֶס נִישְׁט תּוֹלֶה זַיין אִין דִי אֵייגֶענֶע חֶשְׁבּוֹן. וֶוען מִיר טְרַאכְטְן אַבִּיסְל אַרֵיין אִין דִי לֶעבְּנְס גֶעשִׁיכְטֶע פוּן רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ וָואס עֶר אִיז דָאךְ גֶעוֶוען אַ נָשִׂיא, דֶער מְסַדֵּר מִשְׁנָיוֹת, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר רֵייךְ, אַזוֹי ווִי דִי גְמָרָא (בבא מציעא פה.) בַּאטִילְט אִים מִיט תּוֹרָה וּגְדֻלָּה בְּמָקוֹם אֶחָד, אוּן וַוארְשֵׁיינְלֶעךְ הָאט עֶר פַארְדִינְט גָאר אַסַאךְ כָּבוֹד, אָבֶּער מִיט דֶעם אַלֶעם, הָאט עֶר גֶעלִיטְן זֵייעֶר שְׁטַארְקֶער יִסּוּרִים, ווִי דִי גְמָרָא פַארְצֵיילְט אַז זַיינֶע וֵוי גֶעשְׁרֵייעֶן פוּן זַיין פֵּיין, הָאט מֶען גֶעהֶערְט אַזוֹי הוֹיעֶךְ בִּיז דֶער וֵוייטְקֵייט פוּן דְרֵייצְן מִיל.

**פוּן** אַלֶע זַאכְן וָואס ווָאלְט אִים גֶעזָאלְט גְרוֹיס מַאכְן אוּן גֶעבְּן כָּבוֹד, הָאט עֶר גָארְנִישְׁט הֲנָאָה גֶעהַאט דֶערְפוּן, מְ'זֶעט פוּן דֶעם אַז אַפִילוּ מֶען קֶען פַארְמָאגְן אַסַאךְ גֶעלְט מִיט גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת, אָבֶּער דָאס אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט קֵיין סִבָּה צוּ צוּקוּמֶען דוּרְךְ דֶעם צוּ גַאֲוָה, דֶערְפַאר זָאגְט דִי מִשְׁנָה אֵיינְמָאל עֶר אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן, אִיז בָּטֵל גֶעוָוארְן דֶער אֶמֶת'ע מִדָּה פוּן עֲנָוָה, וָואס רַבִּי אִיז גֶעוֶוען אַ בֵּיישְׁפִּיל פַאר אַנְדֶערֶע אוּן דָאס הָאט אוּנְז גֶעוִויזְן אַז טְרָאץ זַיינֶע גְרוֹיסֶע רֵייכְטוּם אוּן כָּבוֹד, הָאט עֶר זִיךְ גֶעהַאלְטְן קְלֵיין אוּן זִיךְ נִישְׁט בַּארִימְט מִיט גוּטְס אוּן כָּבוֹד וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, ווִיבַּאלְד עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז אַלֶעם אִיז פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אַפִילוּ אוֹיבּ מְ'הָאט אַסַאךְ גֶעלְט אוּן כָּבוֹד, קֶען השי"ת מַאכְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען הֲנָאָה הָאבְּן פוּן דֶעם, דֶערִיבֶּער הָאט רַב יוֹסֵף גֶעזָאגְט, עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט אִינְגַאנְצֶען בָּטֵל גֶעוָוארְן וַוייל פוּן מִיךְ קֶען מֶען זִיךְ אַרוֹיס לֶערְנֶען, טְרָאץ דֶעם וָואס רַב יוֹסֵף אִיז גֶעוֶוען אַ נָשִׂיא אוּן פָארְגֶעלֶערֶענְט תּוֹרָה פַאר אַסַאךְ תַּלְמִידִים, אִיז עֶר גֶעוֶוען בְּלִינְד אוּן עֶר הָאט פַארְגֶעסְן זַיין לֶערְנֶען, הָאט מֶען קְלָאר גֶעקֶענְט זֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא מִיט וָואס זִיךְ צוּ גְרוֹיס הַאלְטְן, וַוייל אַלֶע כָּבוֹד וָואס ווָאלְט אִים גֶעזָאלְט גְרוֹיס מַאכְן, הָאט דֶער בַּאשֶׁעפֶער צוּגֶענֶעמֶען פוּן רַב יוֹסֵף, ווִי עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פַארְגֶעסְן לֶערְנֶען.

## וְעַתָּה יִשְׂרָאֵל מָה ה' אֱלֹקֶיךָ שׁוֹאֵל מֵעִמָּךְ וגו' (י יב)

**אֲפִלוּ** אוֹיבּ מֶען אִיז דוּרְךְ גֶעפַאלְן מִיט אַסַאךְ עֲבֵירוֹת, דַארְף מֶען נִישְׁט מַאכְן אַסַאךְ סִגּוּפִים אוּן פֵּיינוּנְגֶען צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַן אֱמֶת'ע תְּשׁוּבָה, נָאר דֶער עֶרְשְׁטֶער זַאךְ וָואס מְ'דַארְף

טון איז כִּי אִם לְיִרְאָה זיך אונטער נעמען צו דינען דעם בַּאשֶׁעפֶער מִיט יִרְאָה, און אַזוֹי וועט מען בַּאלְד בַּאוִוילִיגְט בַּיים בַּאשֶׁעפֶער.

(חתם סופר - תקפ"ז)

## וְלִמַּדְתֶּם אֹתָם אֶת בְּנֵיכֶם (יא יט)

אַ חָסִיד פון הרה"ק רַבִּי יִשָּׂכָר דֹּב מִבֶּעלְזָא זי"ע איז אַריין געקומען צו זיין רַבִּי, ווען צו דער זייט שְׁטֵייט זיין קִינְד, אָנְגֶעטוּן מִיט מָאדֶערְנֶע קְלֵיידֶער און קוּרְצֶע פֵּאוֹת, הָאט רַבִּי יִשָּׂכָר דֹּב זי"ע גֶעפְרֶעגְט דעם טַאטְן "אִיז דָאס דיין קִינְד?" "יָא" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט, דער בֶּעלְזָא רַב זי"ע הָאט אִיבֶּער גֶעפְרֶעגְט נָאכְאַמָאל "אִיז דָאס דיין קִינְד?" ווען דער טַאטֶע הָאט בַּאמֶערְקְט ווי דער בֶּעלְזָא רַב ווִיל אִים אַריין גֶעבְּן מוּסָר פַארְוָואס זיין קִינְד קוּקְט נִישְׁט אוֹיס ווי אַ גֶעווֶענְלִיכֶע חֲסִידִישׁ קִינְד, הָאט עֶר גֶעזָאגְט "עֶס איז אַ נַייעֶ דוֹר! מֶען קֶען שוֹין נִישְׁט מְחַנֵּךְ זיין די קִינְדֶער הַיינְט צוּטָאגְס".

דער בֶּעלְזָא רַב הָאט זיך אָנְגֶערוּפְן "צוּ דֶען ווייסְטוּ פַארְוָואס די תּוֹרָה הָאט אַריין גֶעשְׁטֶעלְט די ווערְטֶער 'וְלִמַּדְתֶּם אֹתָם אֶת בְּנֵיכֶם' אִינְצְווִישְׁן די מִצְוָה פון תְּפִלִּין און מְזוּזָה? - פַארְדֶעם שְׁטֵייט וּקְשַׁרְתָּם לְאוֹת עַל יָדֶךָ, און נָאכְדֶעם שְׁטֵייט וּכְתַבְתָּם עַל מְזוּזוֹת בֵּיתֶךָ וּבִשְׁעָרֶיךָ - די תּוֹרָה ווייזְט אוּנְז מִיט דֶעם, פּוּנְקְט ווי עֶס איז דָא אַ חִיּוּב הַיינְט צוּטָאגְס צו לֵייגְן תְּפִלִּין און אַריין קְלַאפְּן אַ מְזוּזָה, אַזוֹי איז אוֹיךְ דָא אַ חִיּוּב הַיינְט צוּטָאגְס צו מְחַנֵּךְ זיין די קִינְדֶער.

## וְלִמַּדְתֶּם אֹתָם וְגוֹ' לְמַעַן יִרְבּוּ יְמֵיכֶם (שם)

עֶס איז בַּאקַאנְט אַז ווִילַאנְג מֶען גֶעפִינְט זיך דָא אוֹיף דער וועלְט - עוֹלָם הַזֶּה, דַארְף מֶען אוֹיסְנוּצְן די צייט מִיט מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אָבֶּער אֵיינְמָאל מֶען איז שוֹין אִין עוֹלָם הָאֱמֶת - אוֹיף יֶענֶע וועלְט, קֶען מֶען שוֹין נִישְׁט מֶער שְׁטֵייגְן. הָרַב הַקָּדוֹשׁ ר' יִשָּׂכָר דֹּב מִבֶּעלְזָא זי"ע הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט אַז עֶס איז דָא אַן עֵצָה טוֹבָה: ווען אֵיינֶער לֶערְנְט תּוֹרָה פַאר תַּלְמִידִים - קִינְדֶער, ווען זֵיי גֵייעֶן אִין די גוּטֶע ווֶעגְן, בַּאקוּמְט דער וואס הָאט זֵיי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט שְׂכַר און זְכוּתִים, כָאטְשׁ וואס דער רַבִּי גֶעפוּנְט זיך שוֹין אוֹיף יֶענֶע וועלְט. און עֶר הָאט גֶעטַייטְשְׁט מִיט דעם די פָּסוּק וְלִמַּדְתֶּם אֹתָם אֶת בְּנֵיכֶם זָאלְסְט אוֹיסְלֶערְנֶען דַיינֶע קִינְדֶער און דַיינֶע תַּלְמִידִים לְמַעַן יִרְבּוּ יְמֵיכֶם עַל הָאֲדָמָה צו גֵיין אוֹיף די תּוֹרָה'דִיגֶע ווֶעגְן אוֹיף דער וועלְט, כִּימֵי הַשָּׁמַיִם אֲפִלּוּ וועסְט זיך שוֹין גֶעפוּנֶען בָּעוֹלָם הַבָּא עַל הָאָרֶץ וועט דָאס זיין גֶערֶעכְנְט אַ זְכוּת און טוֹבָה פַאר דיר, און וועסְט קֶענֶען בַּאקוּמֶען מֶער און מֶער שְׂכַר.

# תפלת הדרך

**יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ יְיָ אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ, שֶׁתּוֹלִיכֵנוּ לְשָׁלוֹם, וְתַצְעִידֵנוּ לְשָׁלוֹם, וְתַדְרִיכֵנוּ לְשָׁלוֹם, וְתַגִּיעֵנוּ לִמְחוֹז חֶפְצֵנוּ לְשָׁלוֹם,** (אם חוזר בו ביום מוסיף:) **(וְתַחֲזִירֵנוּ לְשָׁלוֹם), וְתַצִּילֵנוּ מִכַּף כָּל־אוֹיֵב וְאוֹרֵב בַּדֶּרֶךְ, וְתִשְׁלַח בְּרָכָה בְּמַעֲשֵׂי יָדֵינוּ, וְתִתְּנֵנוּ לְחֵן וּלְחֶסֶד וּלְרַחֲמִים בְּעֵינֶיךָ וּבְעֵינֵי כָל־רוֹאֵינוּ, וְתִשְׁמַע קוֹל תַּחֲנוּנֵינוּ. כִּי אֵל שׁוֹמֵעַ תְּפִלָּה וְתַחֲנוּן אָתָּה. בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ שׁוֹמֵעַ תְּפִלָּה:**

(ויש מוסיפים פסוקים אלה לשמירה)

וְיַעֲקֹב הָלַךְ לְדַרְכּוֹ, וַיִּפְגְּעוּ בוֹ מַלְאֲכֵי אֱלֹהִים: וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב כַּאֲשֶׁר רָאָם, מַחֲנֵה אֱלֹהִים זֶה, וַיִּקְרָא שֵׁם הַמָּקוֹם הַהוּא מַחֲנָיִם: (ג' פעמים)

וַיִּסָּעוּ, וַיְהִי חִתַּת אֱלֹהִים עַל הֶעָרִים אֲשֶׁר סְבִיבוֹתֵיהֶם, וְלֹא רָדְפוּ אַחֲרֵי בְּנֵי יַעֲקֹב: לִישׁוּעָתְךָ קִוִּיתִי יְיָ:

יְבָרֶכְךָ יְיָ וְיִשְׁמְרֶךָ: יָאֵר יְיָ פָּנָיו אֵלֶיךָ וִיחֻנֶּךָּ: יִשָּׂא יְיָ פָּנָיו אֵלֶיךָ, וְיָשֵׂם לְךָ שָׁלוֹם: (ג' פעמים)

הִנֵּה אָנֹכִי שֹׁלֵחַ מַלְאָךְ לְפָנֶיךָ לִשְׁמָרְךָ בַּדָּרֶךְ וְלַהֲבִיאֲךָ אֶל־הַמָּקוֹם אֲשֶׁר הֲכִנֹתִי: (ג' פעמים)

הַמַּלְאָךְ הַגֹּאֵל אֹתִי מִכָּל־רָע יְבָרֵךְ אֶת הַנְּעָרִים, וְיִקָּרֵא בָהֶם שְׁמִי וְשֵׁם אֲבֹתַי, אַבְרָהָם וְיִצְחָק, וְיִדְגּוּ לָרֹב בְּקֶרֶב הָאָרֶץ: (ג' פעמים)

**דער של"ה הק' שרייבט געוואלדיגע ווערטער ווי אזוי דער צוגאנג פון א נסיעה ביי א איד, דארף זיין**

**על** פי ה' יסעו ועל פי יחנו ואח"כ כתיב על פי ה' יחנו ועל פי יסעו, יש רמז מוסר בכאן על כל פעולה או תנועה שהאדם עושה יאמר אם ירצה ה' או בעזרת ה', למשל בלכתו בדרך יאמר הנני נוסע בעזרת ה' ובדעתי לחנות במקום פלוני בעזרתו יתברך אם ירצה, ושכבא למקום החניה אז יחזור ויתן שבח ויאמר הנה באתי בעהשי"ת הנה ובדעתי ליסע בזמן פלוני בעזרתו יתברך אם ירצה, נמצא שם שמים שגור בפיו בשעה שעולה במחשבתו ובשעת מעשה ככה בכל פעולותיו. (של"ה הק' פרשת בהעלותך).